ד"ר מ. מאנדעלשטאם

# איבער די אויסבעססערונג
## פֿון דער
# קערפערליכער קראפט ביי יודען

אַ בעריכֿט אויף דעם IV ציוניסטען-קאָנגרעס
אין לאָנדאָן.

אויסגאבע פֿאָן
יצחק עוזרמאן

ווילנא
בדפוס י. פיראָזשניקאָוו
שנת תרס"א לפ"ק

Юрьевская Еврейская библіотека имени Д-ра Я. А. Эйгеса № 1563
1563
Юрьевская Еврейская Библіотека академически ферейна
23363.

*Д-ръ М. МАНДЕЛЬШТАМЪ.*

**О поднятіи физическаго положенія евреевъ.**

Докладъ на IV сіонистскомъ конгрессѣ въ Лондонѣ.

*Изданіе И. С, Ойзермана.*

**Вильна,**

Типографія И. І. Пирожникова, Завальная ул. д. № 1147.

1901.

Дозволено цензурою 26 Января 1901 г. Вильна.

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1942: 2348

Юрьевская Еврейск
библіотека имен
Д-ра Я. А. Эйг
№ 701
Tartu Juudi usu Koguduse

# צום יודישען פאָלק.

אַז איך קום יעצט צו רעדען וועגען דיא אויפ= הייבונג פון דער קערפערליכער קראַפט ביי יודען, איז מיין גאַנצע כונה נור דיא יודען וואס וואָהנען אין גהעטא *) פון מזרח—אירופא, ד. ה. דיא יודען פון רוסלאַנד, רומעניען און גאַליציען, וועלכע זיינען כמעט דריי פירטעל פון אַללע יודען. איך האף צו דערווייזען, אַז דיא שרעקליך=שוואַכע קערפערליכע קראַפט פון דיא גהעטא—יודען קומט נור אַרויס פון דער ביטערער עקאָנאָמישער לאַגע, האָב איך

*) ביז דעם ניינצעהנטען יאָהר הונדערט האָבען דיא יודען געמאגט וואָהנען נור אין איין גאַס פון אַ שטאָדט. די גאַס איז געווען אַרום גערינגעלט מיט אַ שטיינערנע וואַנד; פון אָוועגד ביז אין דער פריה פלעגט זיך דיא גאַס פערשפאַרען און קיינער האט ניט געקאָנט אַריין און אַרויס געהן; דיא גאַס האט געהייסען „גהעטאָ". היינט רופט מען „גהעטאָ" דיא שטאָדט און ערטער פון א לאַנד וואו דיא יודען מאָגען וואָהנען.

דעריבער ניט נייטיג אין זינען צו האָבען די יודען פֿון מערב-אירופּאָ, וועלכֿע לעבען דאָך עקאָנאָמיש ניט ערגער פֿון זייערע קריסטליכֿע שכֿנים און דאַרפֿען דערפֿאַר ניט האָבען קיין בעזונדערע בעשפּרעכֿונג.

איך בין גאַנץ גליקליך, אַז איך קאָנן דיעזען וויכֿטיגען וויא אויך טרויעריגען ענין אַרומריידען אין דעם גרויסען לאָנדאָן, אין דעם האַרצען פֿון ענגלאַנד. אַ פֿאָלק, וויא דיא ענגלענדער, וועלכֿעס איז שוין אַזוי לאַנג געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז נור אין אַ געזונדען גוף קאָנן זיך האַלטען אַ געזונדע נשמה און וואס בעמיהט זיך דעריבער, מיט זעלטענעם זאָרג, אַז דער גייסט מיט דעם קערפּער זאָללען זיך ביי איהם אין גלייכֿער מאָס ענטוויקלען; דיעזעס פֿאָלק וועט געוויס אויך יעצט, וויא שוין פֿיעל מאָהל פֿריהער, מיטפֿיהלען און מאָראַליש אונטערשטיצען דאס פֿאָלק, וועלכֿעס איז אונטער דעם יאָך פֿון שווערען לעבען, נעביך, קערפּערליך, אין גאַנצען אומגעקומען און ביי וועלכֿע עס איז מעהר ניט געבליבען וויא איין אָנגע-טאָהנענער אין הויט און ביינער געשפּיצטער מוח, וואס מוז אַרבייטען אָהן אויפֿהער אויסצוקלעהרען דיא מיטלען צו פֿאַרדינען זיין שטיקעל פּרנסה.

עס פֿאַרשטעהט זיך אַליין, אַז איך קאָנן ניט ריידען. וועגען דער פֿאַרבעסערונג פֿון די קערפּער-ליכֿע קרעפֿטען ביי דיא גהעטא—יודען, אֵיידער איך האָב נאָך בעקאַנט געמאַכֿט דיא האָכֿפֿערעהרטע פֿערזאַמלונג מיט דער סביבה, אין וועלכֿער דיעזע

אומגליקליכע לעבען, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, מאַטל-רין זיך, פון דיעזער סביבה וועט געוויס שוועהר קאָננען אַבעגריף האָבען דער, וועלכער האט ניט אַליין געלעבט אונטער דיא גהעטא—יודען, אָדער, וועניגסטענס, זיי ניט האָטס אָבערפּלאָכליך אָנגע-קוקט. פון דעסטוועגען וויל איך דיא געעהרטע פערזאַמלונג בעטען זיך אויף אַיין רגע אַריבערטראָגען מיט דער מחשבה אינ׳ם יודישען קוואַרטאַל פונ׳ם איסט—ענד אין לאָנדאָן. למשל, אינ׳ם וויטשעפּל מיט זיינע פערשטיקטע שמוטציגע הינטערגאָסליך, מיט זיין אָרימקיט און יאָמערליכקייט, און זיך דערנאָך דעם יודישען קוואַרטאַל הונדערט טויזענד מאָהל פער-גראָסערט פאָרשטעלען אויף אַ שטרעקע פון אַן ערך 20 טויזענד קוואַדראַט מייל, גליך וויא צום איסט—ענד, אָהן אַין ענדע מיט 6—7 מיליאָן איינוואָהנער, און דענסטמאָהל ערסט וועט דיא פערעהרטע פער-זאַמלונג האָבען נור אַ שוואַכען בעגריף פון דעם, וואס מען רופט מזרח—גהעטאָ.

מיינע וואָרטער וועלין זיך, אפשר, עמיצען אַלס אַגוזמא אויס וויזען. יענעם וועט קשה זיין, ווייל אַיין שטרעקע פון 20 טויזענד קוואַדראַט מייל איז באמת געוויס ניט נור פאַר זיבען מיליאָנען מענשען, נור אויך פאַר דרייא מאָהל אַזוי פיעל זיך רייך צו דערנעהרען און נאך גענוג פרישען לופט צו האָבען. דאס וואָלט טאַקע ריכטיג געווען, ווען דיא יודען זאָהלען ניט זיין פערשפּאַרט אין די שטאָדט און שטאָדטליך און ווען מען וואָלט זיי ניט פערוועהרט-

מיט אײַנצעלנע אויסנאַהמען — זיך אויפ'ס לאַנד צו בעזעצען. אַללע וועלכע האָבען אַ מאָהל געלעבט אין דיא דאָרפער אונ האָבען געקענט געניסען אַללע פער-געניגען פאַר דעם מענשענס געזונד, וואס מען קאָנן האָבען פון וואַלד, פעלד און גרינעם גראָז, האט מען פון דארט פאַרטריבען אונ אַריינגעיאָגט אין די שטאָדט אונ שטאָדטליך, וואו זיי זיינען אַללע אין אַזאַ אײַנגען ניט געזונדען אָרט צוזאַמען געפרעסט. אַז זיי געפינען זיך אין דער לאַגע פון יענער פערבלאָנזעטער בעשע-פענים אין אַ וויסטען פעלד, וועלכער דער בייזער רוח דרעהט אַרום אויף אײַן אָרט, בעת אַרום אונ אַרום איז דאָ פרישע זאַפטיגע פאַשע. אָט אַזוי איז די יודישע בעפעלקערונג פון דער גהעטאָ. פון אַללע נייטיגסטע מיטלען צו אַ געזונדער, ריכטיגער גופ'ס ענטוויקלונג פון דער מאַסע בעראובט געוואָהרען.

אַ נעסט פון טויזענד ביז צוויי טויזענד, אָדער מעהר נפשות, געוואָהנטליך אָן אַ זייט פון דעם וועג, מיט אַ שלעכטען צופאָהר פון האָלצערנע חאַלופקעס, וועלכע שטעהען גרייט יעדער מינוט אײַנצופאַהלען, אָדער דעם רויטען האָן, פאַר אַ קרבן צו ווערען, מיט אַ הויף ביי יעדער שטיבעל, אין וועלכע עס איז דאָ גענוג פלאַטץ פאַר אײַן אַלטמאָדישע מיסטגרוב, מיט גאַסען אונ גאָסליך ניט געברוקירטע, אין וועלכע עס שטעלען זיך אָפּ נאך יעדען רעגען בלאָטעס אונ זומפען. אין דיא זומפען טאַנצען אַרום האַלב נאַקעטע קינדער אונ וואַשען זיך דאָרט דיא פנימ'ער מיט דער בלאָטע. אָדער אַ פערבלאָנזעטער חזיר פונ'ם נאָהענטען דאָרף

קאַטשעט זיך מיט תענוג פֿון אֵיין זומפּ אין דער אַנ-
דערער; ענגע, פֿערשטיקטע, קליינע שטיבלעך, אָפֿט
אָהן דילען אונ אויף זייער אָרט אַ געמיש פֿון לעהם
אונ בלאָטע, אין וועלכֿע עס קישענען מיליאָנען גיפֿטיגע
ברואים׳לעך, אַ בית המדרש, וועלכֿער איז מעהר
עהנליך צו אַשטאַל אֵיידער, להבדיל, צו אֵיין מקום
קדוש; חדרים — קליינע קאָמערליך, אין וועלכֿע
צעהן ביז פֿופֿצעהן כּתות זיצען אַיינגעבויגען איבער
די ספרים פֿון פֿריה-מאָרגען ביז שפּעט אין דער
נאַכֿט, ביי אֵ בעלייכֿטונג פֿון אַ גראָשענע ליכֿטעל,
אָדער פֿון צוויי ביז דריי פֿענסטערלעך, וועלכֿע זיינען
אָפֿט פֿאַרשטעקט מיט אַ קישעלע אָדער פֿערקלעבט מיט
פּאַפּיר אָנשטאָט דיא צובראָכֿענע שויבען; קליינע
קראָמליך, איינע אויף דער אַנדערער אָנגעזעצט, ביי
וועלכֿע עס זיצען דיא קראָמער אָדער קראָמערקעס אין
היטץ אונ אין קעלט גאַנצענע טאָג אויף אַ הילצערנעם
באַנק, אַרויסקוקענדיג אויף אַ קונה אונ אַז עס בע-
וויזט זיך אַ פּויער, בעפֿאַהלען זיי איהם אַללע, וויא
אַ סטאַיע הונגעריגע וואָלף, אום איהם אַמאָהל, האָטס
מיט געוואַלד, אין קראָמיל אַריינצושלעפּען; שוסטערשע
אונ שניידערשע וואַרשטאַטען, וועלכֿע בעשטעהן פֿון
אֵיין איינציגען צימער, אין וועלכֿען עס גיפֿינען זיך
חוץ דעם בעל מלאכה מיט זיינע לעהריונגען, נאָך
זייגקינדער אין דיא וויגעלעך, וועלכֿע היינגען אויף
דעם פּאָטאַלאָק אונ שלעכֿט דער וואַקסענע יונגעלעך
אונ מיידלעך דרעהען זיך דאָרט אַרום, צווישען דיזע
עלענדע, האָלצערנע האַלופּקעס, שטעהט נור וואו

ניט וואו אַ געמויערטע הייזעל, אין וועלכע עס וואָהנען דיא פאָרנעהמסטע פון שטאָדטעל: דער „גביר" אָדער דער פערטרעטער פון דער פאָליציע. — דאס איז אונגעפעהר דאס בילד פון אַ געהעטא-שטאָדטיל, וועלכע געפינען זיך בייא אונז, ניט צו פערזינדיגען, אָהן אַ צאָהל אונ וועלכע זיינען, וויא אייטער געש-ווירען אויף אַ געזונדע לייב.

אונ דיא גרעסערע יודישע שטאָדט, נאַטירליך, זעהט עס בעסער אויס, ווייל דיא לעצטע זיינען גע-מישט פון יודען אונ פון קריסטען; זיי הייסען בייא אונז „אויעזדנע" אונ „גובערנסקי" שטאָדט. זיי זיינען גוט אַיינגעאָרדענט אונ עס זיינען שוין דאָרטען דא געבוידען פיר געריכט אונ פאַליציע, העררן — אונ פרויען — גימנאַזיום, האַנד ווערקשולען, אָדער טעכנישע שולען, פאַבריקען א. ז. וו., א. ז. וו. פון דעסט-וועגען, האָטס דיעזע שטאָדט ווייזען שוין אויס אַיירא-פייעש, האָטס עס געפינען זיך שוין דאָרט יודען, וואס זיינען געקומען צו רייכטהום אונ פערמאָגליכקייט אונ זיי וואָהנען שוין אָפט מאָהל אין אויפגעפוצטע שאָנע הייזער, פון דעסטוועגען איז דאָרט אויך „דער שיינער דרויסען „אַליגנער" אונ עס איז נור נייטיג מיט אַריכטיגע אויג אַריין צוקוקען אין דיא באַהאַלטענע ווינקלען פון דעם מאַסען — עלענד אום צו זעהען, אַז אויך דאָרט איז „דער אונטען" גאַנץ שרעקליך, אַז אויך אין די גרויסע שטאָדט איז די גראָסטע טהייל פון דיא יודישע אַיינוואָהנער פונקט אַזוי פעראַרעמט אונ דער-שלאָגען וויא אין די קליינע שטאָדליך.

איך וועל אויף מיין אָרט בעסער לאָזען ריידען צוויי זיכערע עדות פון דער קריסטליכער וועלט, וועלכע האָבען דורכגעזעהן דיא גראָסערע שטאָדט פון דער גהעטא. איינער איז דער בעריהמטער סאָציאַלאָג אַנאָטאַל—לערואַ—באָליע פון פאַריז. ער זאָגט: „אונטער אַללע פאָלקער פון דער גרויסער רוסישער „מדינה האב איך ניט געזעהען קיין עלינדערע ווי „דיעזע אומגליקליכע יודען, וועלכע דרעהען זיך אַרום „איבער דיא גאַסען, אין דיא לאַנגע קאַפּאָטעס מיט די „גרויסע שטיוועל, אָהן אויפהער און אָהן רוה זוכענדיג „עפּעס איין אַרבייט. מען רעדט יעצט אַ סך פון „אויפהייבונג דיא אָרימע לייט און אויס בעסערונג „זייער סאָציאַלע לאַגע; איך מאָג אַייך זיכער זאָגען, „אַז ביי אונז אין אירופּא איז גאר ניטאָ קיין אָרימערע, „וועלכע עס זאָל אָנקומען זייער שטיקעל ברויט אַזוי „שווער צו פאַרדיענען, ווי נייען—צעהנטעל פון „דיא רוסישע יודען".

ווייטער זאָגט דער רוסישער סאָציאַל־עקאָנאָם „סובאָטין", וועלכער האָט זיך גוט צוגעקוקט צום גהעטאָ: „מען לעבט אין שטאָלכלעך, וואו דורך דיא „לעכער פונ'ם דאַך טריפט אַריין דער רעגען; אין קע־„לערס, וואוהין עס קומט קיין מאָהל ניט אַריין דיא „שיין פון דער זון". אַזעלכע קעלערין איז, למשל, דאָ אַסך אין ווילנאָ, און סובאָטין דערצאָהלט: „אַז „מיר זיינען צום ערסטען מאָהל צוגעגאַנגען צו אַזא „דירה, איז אונז פריהער גאר ניט אײַנגעפאַלען אין „געדאַנקען, אַז דא קאָננען גאר לעבען מענשען, מיר

„האָבען פֿאַר אונז געזעהן אַ גרויסע לאָך , האַלב
„פֿאַרדעקט מיט פֿאַרפֿוילטע ברעטער ; אַרום און אַרום
„איז געלעגען אָנגעוואָרפֿען שאָלעכץ פֿון גרינס ,
„שמאַטעס , לוסקעס פֿון פֿיש א. ז. וו. ; פֿון אָנהייב
„האָבען מיר געמיינט , אַז דאס איז אַ מיסט=גרוב , עס
„האט זיך אָבער באַלד אַרויס געוויזען , אַז דאס איז
„דער אַריינגאַנג אין אַ וואָהנונג פֿון מענשען . קיין
„אַנדער אַריין גאַנג אין דער דירה איז ניט געווען .
=מיר האָבען זיך געמוזט אין צווייען צוזאַמענבויגען ,
„אום אַריין צו קריכען , דערביי זיינען אונזערע קליידער
פֿאַרשמוצט געוואָהרען . אַז מיר האָבען אַראָב געשטיגען
„אַכטצעהן טרעפּ , האָבען מיר דערזעהען אַ העהל פֿון
„פֿינף אַרשין דיא ליינג , דריי אַרשין די ברייט , זעהר
„קאַרג בעלייכטעט דורך אַ לאָך , וועלכע האט דער=
גרויכט , וויא אַ קוימען , ביז צום הויף—ברוק . נעבען
„דיעזער בעגרעבעניש איז געווען נאך אַ העהל פֿון 16
„קוואַדראַט אַרשין , וואו עס זיינען געשטאַנען דרייא
„האָלצערנע בעטלעך מיט ניט—צו—בעשרייבענדיגע
„קאָלדרעס בעדעקט . אַזא דירה דינגט אַ יודענע פֿאַר
„פּופּציג״ רובל אַ יאָהר און זיא , פֿון איהר זייט ,
„פֿערדינגט זיא שוין אַנדערע פֿינף שכנים צו צעהן
„רובל אַ יאָהר יעדערין , אין דעם כלומר׳שט ליכטיגען
„קאַמער וואָהנען צוויי קבצנים מיט זייערע קינדער ,
„וועלכע זיינען געווען אין דער היים ; איינע האט
„געהאַט אַ געזונד , ראָזיגעס קינד , וועלכעס איז
„געווען אַ גרויסער אונטערשייד צו דער וואָהנונג ; אין
„דער צווייטער העלפֿט האָבען געוואָהנט דריי פֿאַמיליען

„פון זעקס נפשות: אויף אֵיין בעטיל אַ טאָג—אַרבייטער
„מיט זיין פרוי, אויף דער אַנדערער אַ בעטלער מיט
„זיין פרוי, אונ אויף דער דריטער אַ קבצנ׳תע מיט
„איהר קינד״.

כמעט דאס אייגענע, נור מיט פערשידענע שנוים, האט ער געזעהען אין גראָדנא, בערדיטשוב אונ אין נאך אַנדערע שטעדט. איך אַליין וואָלט געקענט פון אייגענעם צוזעהען, נאך טויזענדער אַזוינע בילדער פון עלענד אונ פון אָרומקייט אָהן אַ גבול, אָבשילדערין, נור איך וויל ניט צופיעל פאַראומערין דיא הייניגע פערזאַמלונג. אַז אינ׳ם גהעטא איז אויך דא רייכערע אונ אפילו מיט לוקסוס אייגעריכטעטע דירות, דאס פאַרשטעהט זיך אַליין, נור פונקט אַזוי איז אויך זעלבסטפערשטענדליך, אַז דער רוב פון די יודישע וואָהנונגען זיינען גראַדע אַזוי שלעכט, אַז זיי גראָבען אונטער דיא געזונדהייט פון דיא קראֶפטיגסטע מענשען.

אום בעסער צו פערשטעהען דאס לעבען אין גהעטא, מוז מען בעטראַכטען, וויא אַזוי אונזערע ברידער קומט אָן זייערע ביטערע פרנסה.

אַ חוץ אייניגע מיליאָנערין—מוצלחים —, וועלכע עס טרעפען זיך אומעטום; אַ חוץ עטליכע גרויסע צוקער—אונ טוך—פאַבריקאַנטען, וועלכע מען קאָנן אויף דיא פינגער אויסצאֶהלען אונ וועלכענס רייכטהימער געהען אַוועק מיט׳ן רויך ביי דער ערסטער קליינסטער געלד=איינגשאַפט, אַ חוץ דעם קליינעם צאָהל געבילדעטע, דאָקטורים, אַדוואָקאַטען, אינזענערין,

וועלכע האָבען פאַר 10—15 יאָהרען געקענט צו עפּים זיך צו שלאָגען און פערדינען בכבוד זייערע לעבענס מיטלען, וועלכע זיינען אָבער יעצט פון אַסך וועגען צו פערדינען דיא לעבענס מיטלען אָבגעשניטען און זינקען פאַמעליך, וואס ווייטער טיעפער ביז צוא דער מדרגה פון געבילדעטע קבצנים; אַ חוץ דעם ניט גרויסען צאָהל פון מיטעלע סוחרים, ביי וועלכע דאס געשעפטס-ראָד ווערט דאס רוב מיט געבאָרגטען אייל געטריבען און בלייבען דעריבער תיכף שטעהען, וויא באַלד מען ציהט פון זיי אָב דעם קרעדיט; אַחוץ, ענדליך, דיא 10—12 טויזענד קאָלאָניסטען, ערד-אַרבייטער, מיט פרויען און קינדער, אין חערסאָנער אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעם, בעשטעהט דער איבעריגער גרויסער רוב פון די גהעטא-יודען אויס קליינע קראָמער, ביי וועלכע דיא גאַנצע קראָם בע-טרעפט קוים אַזוי פיעל, וויא פיעל זיי מוזען בעצאָהלען נאַלאָגען; אויס אָרימע בעלי-מלאכות, פון וועלכע דער צאָהל איז מאוים'דיג גרויס (נאָכ'ן רעכענונג, וואס איז נאך ניט אין גאַנצען ריכטיג, געפינען זיך יודישע בעלי-מלאכות; אויסער ווייבער און קינדער, איבער 400 טויזענד); אויס טאָג-לאָהנער, דער צאָהל פון וועלכע מען קאָנן ניט פינקטליך בעשטימען, אָבער גרויס איז ער געווים; טאָג-אַרבייטער, וועלכע געהן פריהמאָרגענס אַרוים זוכען אַרבייט און ווייסען ניט, אויב זיי וועלען קענען אויפ'ן אָוועט ברייגען זייער הונגעריגער פאַמיליע אַ פּאַר גראָשען אויף ברויט צו קויפען, אויס פאַבריקס—אַרבייטער, וועלכע זיינען

אין רוסלאַנד בערך זיבעציג טויזענד, אונ וועלכע אַרבייטען 12—14 שעה אין מעת לעת פאַר אַ שפּאָט לוין פון 40—50 קאָפּ אַטאָג אונ, ענדליך, אוים קבצנים וואס געהען אַרום איבער דיא הייזער.

מען איז זיך שטאַרק טועה, וואס מען מיינט, אַז יודען האָבען פיינד צו אַרבייטען. ס׳איז גאר ניט פאַראַן אַזאַ שווערע אָדער נידריגע אַרבייט, פון דאַך-דעקען ביז מיסט-קאַסטענס רייניגען, וואס דער יוד זאָהל זיך מיט איהר ניט פערנעהמען; אין ליטא זיינען כמעט אַללע בעלי-מלאכות נור יודען: שטאָלער, בלעכער, שמידען, שוסטער, שניידער, טראָגער, מוליאַרעם א. ז. וו., א. ז. וו. דער טעות קומט אַרוים דערפון, וואס ס׳איז דא צופיעל בעלי-מלאָכות אונ פועלים, מעהר, וויא ס׳איז פאַראַן אַרבייט, אַזוי, אַז דער בעל מלאָכה האט וואס ווייטער, פון טאָג צו טאָג, וועניגער אַרבייט אונ ער זינקט אַראָפּ צו דער מדרגה פון קבצנים, — ער ווערט פשוט אַבעטלער.

אין פאַבריקען, וואו מען בעדאַרף קערפערליכע קראַפט, נעמט מען אַ יודען ניט אָן, ווייל איהם פעהלען דיא נייטהיגע כוחות; אַחוץ דעם שטעלט מען פאַר איין אויסרייד דעם שבת, אין וועלכען דער יוד דאַרף ניט אַרבייטען, אונ איבערהויפּט ווערט אַ יוד ניט אָנגענומען אין קריסטליכע פאַבריקען.

עס איז ניט מיין זאַך אויסצורעכענען אַללע פרטים אין דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער לאַגע פון דיא געהעטאָ-יודען. איך קאָנן נור זאָגען, אַז בסך הכל זיינען דיא יודען פון געהעטאָ-אַ פאָלק פון הונגערליידענדע

מענשען אונ אָט דאס פאָלק, דיעזע אומגליקליכע מענשען בעדאַרף מען קערפערליך הויבען אונד שטאַרקען.

פֿון דעם וואס מיר האָבען אויבען געשילדערט איז לייכט זיך פאָרצושטעלען וואס פאַר אַ ווירקונג אַזאַ מין לעבען, וואס גיט זיך איבער בירושה פֿון דור צו דור זייט הונדערטער יאַהרען, קאָנן מאַכען אויף דעם קערפערליכען צושטאַנד פֿון יודען.

דער אָבשוואַכען פֿון קערפער הויבט שוין זיך אָן ביי יודען פֿון פינף — זעכס יאָהר אַלט, ווען דיא יונגלעך הייבען אָן צוא געהן אין „חדר", וואו דער מלמד געוועלטיגט אויף זיי נאך זיין אייגענעם רצון, דער חדר וואס בעשטעהט פֿון איין איינציגען שטיקען־דיגען צימערל, אָהן לופט-ריינינגונג, מיט שלעכטער בעלייכטונג, מיט שלעכטע ביינקלעך, וואס דיא קינדער מוזען זיצען אויף זיי מיט אַ איינגעבויגענעם קערפער! דאס קרומע האַלטען פֿונ'ם קאָפ ביי'ם שריי־בען אונ לעזען; פֿון דער אַנדער זייט, דאס לערנען מעהר צייט, וויא עס אַרבייט אַ דערוואַקסענער גע־זונדער מענש—געוועהנליך: פֿון 9 אַ זייגער אין דער פריה ביז 9 אַזייגער ביי נאַכט, מיט אַ רוה פֿון קוים 1 שעה —. דאס אַלסדינג וואָלט שוין גענוג גע־ווען דעם קינדליכען קערפער צו ברעכען. דערצו קומט נאך דאס לערנען אַליין, וועלכעס איז איבערגעגעבען אויסגעהונגערטע אונ אונוויסענדע מלמדים; דאס לערנען אָהן אַ שום פלאַן אונ סדר; דאס אַיינחזר'ן פֿון חומש אונ לשון קדש אָהן ערקלערונג

פֿון דקדוק אונ דעם זין פֿון דיא ווערטער, וועלכֿע דער מלמד אַליין פֿאַרשטעהט זיי אָפֿט מאָהל ניט; דאס אַלעס איז גענוג דעם יונגען מוח׳ל אָנצושטרייגגען איבער זיינע כוחות; רעכֿענט נאך דערצו דיא נאַרישע אונ אָפֿטמאָהל אַכֿזריי׳שער אַרט פֿון מלמד, וואס גע־וועלטיגט מיט׳ן קאַנציק איבער דיא קינדער, וועלכֿע ווילען אָדער קאָננען ניט אַזוי גיך משיג זיין דאס געלערענטע, דאמאָלס קאנן מען לייכֿט פֿאַרשטעהן דעם טרויעריגען סוף, וואס דערפֿון קומט אַרויס. —

פֿון 10—11 יאָהר הייבט זיך פֿאַר דעם יונגעל ערשט רעכֿט אָן דאס מוטשען פֿון מוח מיט דער גמרא, דעם גרויסען ים, וועלכֿער האט אין זיך אין אמת׳ן אַ רייכֿען אוצר פֿון שיינע מדות, מוסר אונ פראַקטישער לעבענס־חכֿמה, אָבער פֿאַר יונגע קינדער איז דאס פֿונדעסטוועגען שוועהר צו בעגרייפֿען אונ פֿאַר זייער מוח זייער אַנשטריינגענד. דאס האבען דיא תנאים שוין לאַנג גוט פֿערשטאַנען אונ האבען אין „פרקי אבות" אָנגעזאָגט, אַז נור „משנה" זאָהל מען אָנהייבען לערנען פֿון 10—15 יאָהר, איך מיין אפֿילו, אַז ביי דעם גמרא לערנען ווערט נאך דער הויפט פֿעהלער בעגאנגען, וואס מען גיט ניט איבער דעם יונגען מוח דעם תוך; דעם וויכֿטיגסטען אינ־האַלט, נור דיא אויסערע פֿאָרם מיט דיא פֿערקרימטע פשט׳לעך אַזוי, אַז דיא יונגע לייט ווערט דורך דעם „פלפול של הבל" אַיינגעוואָהנט צום פֿאַלשען דענקען אונ קרומע הסברות, געגען וועלכֿע עס זיינען שוין לאַנג דיא גרעסטע גאונים אויפֿגעטרעטען, אונ וועלכֿע

מאַכען זיי אונפּעהיג אין דיא עלטערע יאָהרען צו דיינקען גלייך מיט דעם גלייכען פּשוט'ען שכל אונ אַלס אַזוי אָנצונעהמען, וויא עס איז אין אמת'ן. אָנגעלערענט זיך אויף אַזאַ אופן ביז 17—18 יאָהר, טרעט דער גלות-יוד, ניט פּאַרטיק אונ צוגע-גרייט, אין פראַקטישען לעבען אַריין, האט חתונה וויא גיך ס'איז נאר מאָגליך, אונ ס'הייבט זיך אָן דיא בי-טערע מלחמה פאַר'ן טאָגליכען שטיקעל ברויט. אין בעסטען פאַל, ווען ער האט ביז דאַמאָלט געלערנט אַ מלאָכה, האט ער זיא שלעכט אויסגעלערנט, ווייל זיין פאָטער אָדער דער מייסטער, ביי וועלכער ער האט זיך געלערנט, זיינען ניט קלענערע קאַליקעס וויא ער, דער תלמיד. האָבענדיג פאר זיך אַ שטאַרקע קאָנקורענץ, ווייל ער איז אָנגעוויזען צו אַרבייטען נור פאַר דיא אַיינוואָהנער פון גהעטאָ, איז דער יודישער בעל מלאָכה דער אומגליקליכסטער מענש אויף גאָט'ס וועלט, אונ דאס גיפט פון נויטה אונ הונגער הייבט זעהר פריה אָן פאַמעלעך אונטערצוגראָבען דיא פריה אָבגעשוואַכטע געזונדהייט פון דיא אומגליקליכע. אַלס בעוויז וואָלט איך געקאָנט דערצעהלען פיעל פעלע פון מיין מעדיצינישער פראַקטיקא; שניידער, נייהטערינס, שוסטער, קומען יאָהרען לאַנג, יעדע וואָך, אין מיין אויגען-קליניק אונ לאָזען זיך בעסער אוים ציהען זייערע פון כראָנישער אויגענקראַנקהייט פערקרומטע ווימפערן, איידער לאָזען זיך מאַכען אַיין מאָהל אַיין אָפעראַציע, וועלכע וואָלט זיי בעפרייט פון דער קראַנקהייט אויף תמיד. דיא אורזאַכע דערפון איז נאר

Exbibl. univ. Tart.

דאס, וואס דיעזע אומגליקליכֿע, ווען אפֿילו, איך האָב זיי געוואָלט אומזיסט אַריינגעהמען אין מיין ספּיטאָל, האָבען זיי זיך געמוזט דערפֿון אָבזאָגען, ווייל זיי האָבען ניט אַ איבעריגע פּרוטה, אום דיא פֿרויען אונ קינדער זאָהלען ניט שטאַרבען פֿון הונגער אין דיא 2—3 וואָכֿען, בשעת זיי ליגען אין ספּיטאָל. קראַנקענקאַססען פֿיר אַרבייטער עקזעסטירען ניט אין גהעטאָ.

וויא מיר האָבען שוין אויבען דערמאָנט, זיינען פֿאַראַן פֿיעל יודען, וועלכֿע לערנען שוין אין גימנאַזיעס אין אַנדערע שולען אונ דערגרייכֿען ביסלעכֿווייז אין לעבען אַלץ העכֿערע מדרגות; מען מוז אָבער געדיינקען, אַז זייער צאָהל איז, אין פֿערגלייך צוא דער מאַססע פֿון פֿאָלק, זייער קליין אונ אַז פֿיעל פֿון זיי, וועלכֿע האָבען שוין פֿריהער געלערנט אין חדר, זיינען קערפּערליך אין גאַנצען צובראָכֿען.

דיא ווירקונג פֿון אַזאַ עלענדין לעבען זייט הונדערטער יאָהרען אין אַזאַ איבערגעקעהרטע ערציהונג זיינען זעהר טרויעריג. איך דערמאָן זיך דערביי דיא וואָרטער פֿון משורר:

„איהר פֿיהרט אינ'ס לעבען אונז אַריין,<br>
„איהר לאָזט דעם אָרעמען שולדיג ווערדען<br>
„דאַן איבערלאָזט איהר איהם דעם פּיין;<br>
„דען אַללע עַוֹלות זיינען זיך נוקם אויף דיא ערדען"...

אָן דעם גוף פֿון דעם גהעטאָ—יודען האָט זיך דיא עולה פֿון אונזער ניט אַכֿטונג געבען אויף דעם

געזונד שטאַרק נוקס געווען. עס איז געווים ניט פֿאַראַן קיין פֿאָלק, ביי וועלכֿען מען וואָלט געקאָנט אַזוי גוט אויספּרובען דיא פּעולה פֿון הונגער און פֿון שלעכֿטען לעבען, ביי ווייניג לופֿט און ליכֿט, וויא ביי דעם יודישען פֿאָלק אין געטאָ. דיא וויכֿטיגע אונטערזוכֿונגען, וואס מען וואָלט געקאָנט אָהן איהם מאַכֿען, בעדאַרפֿען ניט קיין גרויסע הוצאות אויף פֿיזיאָלאָגישע אינסטרומענטען, מען בעדאַרף נאר דער צו אויגען, וואס זאָהלען זעהען; אויערען וואס הערען און אַהאַרץ, וואס קאָנן מיט פֿיהלען.

זעהר אָפֿט האָבען מעדיצינער געמאָסטען דיא חלקים פֿון גוף ביי געטאָ—יודען און קלאָר אַרויס-געפֿונען אַז דער געוואוקס ביי זיי איז אַסך נידעריגער, וויא ביי ניט-יודישע בעוואָהנער פֿון געטאָ. ביי דיא לעצטע עררייכֿט דער קערפּער אין דורכֿשניט דיא לייננ אין אַ ערך פֿון 165—170 סענטימעטער. ביי יודען אָבער—נאר 162,7 ס"מ. דער אָבשטאַנד פֿון דיא אויבערכֿטע גלידער איז ביי דיא יודען קלענער דורכֿאויס אין פֿערהעלטניסמעסיג וויא ביי אַנדערע פֿאָלקער. — דאס בעווייזט, אַז דיא ענטוויקלונג פֿון דיא ברוסט ביינער און מוסקעל איז זעהר שוואַך. דעם ניעדיריגען וואוקס וואָלט מען אֶפֿשר נאך געקאֶנט האַלטען פֿאַר איין בעזאָנדערקייט פֿון דער יודישער אומה, אָבער איין פּונקט נאך דערצו, וואס מען מוז איהם בעטראַכֿטען נאר וויא אַ סבה פֿון דעם עלענדען לעבען, דאס איז: אַז דיא ברייט פֿון דער ברוסט איז אין פֿערגלייך צו דער לייננ פֿון קערפּער זעהר קליין.

Библиотека ... литерат...

ביי אַגעזונדען ענטוויקעלטען מענשען איז געוואָהנליך דיא ברייט פון דער ברוסט גרויס וויא דיא העלפט פון דיא לייננ פון קערפער. אין מערב=אירופא ווערען אין סאָלדאַטען נור דיא יונגע לייט אָנגענומען, וועלכע האָבען דיעזע מאָס. אין רוסלאַנד ווערען אויך נור אַזוינע רעקרוטען צוגענומען, ביי וועלכע דיא ברייט פון דער ברוסט איז מיט אַ האַלבען צאָל קלענער פון דער לייננ פון קערפער. דיא יודען האָבען אפילו דיא קליינע מאָס אויך ניט. אונ דיא מיליטער-דאָקטורים באַהויפטען, אַז ביי אַנ׳ערך פון 60 פראָצענט יודישע רעקרוטען איז דיא ברוסט ברייט אַסך קלענער פון דער העלפט קערפערלייננ. מיט דעם פאַקט רעכענט זיך דיא רעגירונג מען נעמט אָן יודישע סאָלדאַטען, האָטס דיא ברוסט איז ביי זיי אַזוי נידעריג ענטוויקעלט.

אונ אין דעם זעלבען ערך פון דיא ניט גענוג ענטוויקעלטע מוסקלען אונ ביינער, וועלכע זיינען דיא סבה פון דער שמאָלער ברוסט, איז ביי יודישע יונגע לייט אָנצוטרעפען זעהר אַ גרויסען צאָהל פון לונגען קראַנקע אונ סוכאָטניקעס. אין 1875סטען יאָהר איז געווען דיא צאָהל פון סוכאָטניקעס ביי יודען, וועלכע האָבען געזאָלט שטעהן צום פריזיוו 13½ פראָ-צענט ד. ה. 589 אויף 4372; צווישען זיי זיינען געווען 1,72 פראָצענט מיט כראָנישע לונגען-ענטציני-דונג—מעהרער צוויי מאָהל, וויא ביי ניט יודען; אַלזאָ, שוואַכע מוסקלען, שלעכט ענטוויקעלטע לונגען, שוואַכע ביינער, ווייניג כח, ווייניג קראַפט צו אַרבייט, נור דער שאַרבען איז שטאַרק ענטוויקעלט ביי יודען;

דער שאַרבען איז ביי איהם אַסך גרעסער, וויא ביי אַנדערע. עס איז, אַלזאָ, גאר קיין גוזמאָ ניט, ווען מיר האָבען אויבען געזאָגט, אַז דער יוד בעשטעהט נור אויס הויט, ביינער אונ מוח, ווייל דער שאַרבען איז בערך אַזוי גרויס וויא דער מוח. —

ווען אַ פרעמדער געהט דורך דעם געהטאָ, וועט איהם תיכף אויפפאַהלען, אַז אין דעם ריהרענדיקען מוראָוויניק פון יודען, וועלכע לויפען אַרום אַהין אונ אַהער, זעהט מען זעלטען אַ שטאַרקען, גבור'דיגען מענשען, נור געבראָכענע, אויסגעצעהרטע, מאָגערע לייבער, מיט אַיינגעפאַלענע ברוסט אונ הויך אַרויפ־געצייגענע פלייצעס, מיט לאַנגע, הויכע האָלדזער, אַיינגעפאַלענע באַקען, מיט אַ נידערגעשלאָגענעם בליק אונ אַיינגעבויגענעם רוקען פון קנעכט, אונ ער וועט דערקאָננען, אַז דאס איז אַ שוואַכע אויסגעצערהטע פאָלק, וואס דחקות, זאָרגען אונ דער שווערער יאָך פון צרות אונ בזיונות האט זיי אַזוי שטאַרק אַראָב געדריקט אונ געבראַכט צו דעם וואס זיי זיינען, איבעררייידענדיג אַ וואָרטעל, קאָנן מען דאָ זאָגען: „דערצאָהל מיר וואס דוא עסט, וועל איך דיר זאָגען ווער דוא בינסט". לויט זייערע שוואַכע לייבער, וואס ליידען פון ווייניג לופט, ליכט אונ עסען, זיינען יודען אונטערגעגעבען אַללע מאָגליכע קראַנקהייטען. פון דעם שטאַרקען פראָצענט סובאָטניקעס האב איך שוין גערעדט. איך דאַרף נאך בעמערקען, אַז יודען ליי־דען אָפט שטאַרק אויך פון הויט קראַנקהייטען, סקראָ־פעל, אייטערגעשווירען אין דיא אויערין, אונ פון

אָרימקייט אונ אומריינקייט איז שטאַרק פֿאַרשפּרייטעט אײַנע פֿון דיא אָנשטעקענדע אויגענקראַנקייטען „טראַכֿאָמע״, וואס איז אין ערגיץ ניט אַזוי פֿארברייטעט, וויא אין יודישע שטאֶדטליך; אונ אַריינחאַפּענדיג זיך אָפּטמאָל אין גאַנצע משפחות, מאַכֿט זי זיי פֿאר איי-ביגע בלינדע קאַליקעס.

פֿון דיא נאַכֿט אַרבייטען, וואס מע דאַרף צו-לעגען צו זיי דיא אויגען, ביי שלעכֿטער בעלייכֿטונג אונ געבויגענעם קאָפּ אונ רוקען, נעמט זיך דיא שטאַרקע קורצזיכֿטיגקייט מיט דיא אַללע קראַנקייטען. וואס קומען דערפֿון אַרויס: אויגענענטצינדונג פֿון דער אינוויינינגסטער הויט אונ דער אָבשטעהן פֿון דיא נעטצהויט, וואס גיט זיך איבער בירושה פֿון דור צו דור.

ניט מעהר פֿרעהליך איז דער צושטאַנד פֿון געזונד ביי דיא יודישע פֿרויען. וועגען ווייבערשע קראַנקהייטען. ביי דיא יודישע פֿרויען קאָננען פֿרויען-דאָקטורים גענוג דערצאֶהלען: זייערע פריאָמנעס אונ קליניקעס זיינען פֿול מיט זיי! עס איז זיכֿער, אַז דיא דאָזיגע קראַנקהייטען נעמען זיך פֿון דיא פֿריה-צייטיגע חתונות, 14, 15 אונ 16 יאֶהריגע ווייבלעך — אונ אַ חוץ נאך דערפֿון, וואס יודען האָבען דיא נוטצליכֿע אונ הייליגע דינים פֿון דער תורה אונ פֿון דער גמרא פונקט איבערגעקעהרט. למשל, פֿון דער מקוה, וואס דאַרף פֿאַרהיטען פֿון פֿאַרשידענע קראַנקהייטען, איז געמאַכֿט געוואָרען אַ קוואַל פֿון אַומריינקייט מיט אָנ-שטעקענדע קראנקייטען. „טובל ואוחז שרץ בידו!״

זעהר טרויעריג מאַכט זיך ווען ס׳ברעכען אויס עפּי־דעמיען, וויא דיפטעריט, חאָלעראַ, וואס רויבען אַוועק מאַסען מענשענלעבען, ווייל ביי דער שרעקליכער איינגשאַפּט און אומריינקייט פון יודישע שטאָדטליך קען זיך ר״ל ביי אַזוינע אָנשטעקענדע קראַנקייטען איינער פון׳ם אַנדערין ניט אויסהיטען. דאס וואס מען פּלעגט שטענדיג זאָגען, אַז צו יודען האט אַ מגפה און חאָלערא קיין שליטה ניט, איז געוואָרען אַ לעגענדע. היינט וועט עס קיינעם ניט איינפאַלען דאס צוא באַהויפּטען.

ווייטער מוז איך נאך באַמערקען, אַז דורך צופּיעל אַרבייטען פון׳ם יודישען קאָפּ, איז די צאָהל פון דיא נערווענקראנקהייטען און משוגעים ביי יודען אַסך גרעסער וויא ביי ניט יודען. נור דיא קראַנק־הייטען וואס קומען פון אויסגעלאַסענעם לעבען: רוקענ־מאַרך—סוכאָטע און פּאַראַליטיקע איז ביי יודען, גאָטט צו דאַנקען, זעהר זעלטען צו טרעפען.

נאך דעם וואס איך האָב דא דערצאָהלט, וועלין בוודאַי קומען מענשען און פרעגען: וויא קומט עס, וואס דאס יודישע פאָלק לעבט אַזוי לאַנג? הונדערטער יאָהרען האַלט עס אין אויסשטאַרבען און דאך לעבט עס נאך, מהסתם איז ניט אַזוי „שלעכט דיא יודען, וויא מען זאָגט!״ אמת, אַז דאס יודישע פאָלק האט אין זיינע פיינע מדות, אין זיינע זיטליכע געפיהלען און רעליגיאָזנעם לעבען אַ קראַפט, וואָס האַלט עס אויף, אַמין רעגוליאַטאָר, וואס לאָזט עס ניט אַזוי גיך אונ־טערגעהן, אָבער אייביג קאָנן דער רעגוליאַטאָר ניט

דויערין, ווייל עס איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין מאַשין, וואס געהט אייביג פון זיך אַליין.

דאס ערשטע זיינען דיא פאַמיליענזיטען, וואס דער יוד צייכענט זיך אויס פון אַלע אַנדערע אומות, וואס ער זאָרגט מיט גרויס ליעבשאַפט פאַר ווייב אונ קינדער; דער שוואַנגערען פרוי, ווערט אָבגעגעבען דיא גרעסטע בעזאָרגונג, וויא נור מאָגליך איז אין אַזוינע אָרימע פערהעלטניסע, אין וועלכע דער יוד לעבט. מיט עטליכע וואָכען פריהער נעהמט מען אַוועק פון איהר אַלע שוועהרע אַרבייט. אין אַסך שטאָדט אונ שטאָדטליך זיינען פאַראַן ווייבערשע חברות, וואס גיבען זיך אָב מיט אונטערשטיצונג אָרימע קינפעטאָרענס. די יודישע פרוי זויגט איהר קינד אַליין אונ גיט עס ניט איבער קיינע אַמען, וואס לאָזען דיא קינדער פאַרהונגערין, אָדער גאר אין פריוטען, וואו דיא אָרימע קינדער שטאַרבען, נעביך, אויס, וויא פליגען. עס זיינען בייא יודען דא פיעל וויינינגער קינדער, וואס זיינען געבאָרען אָהן חופה וקדושין...
פיעל וויינינגער געבורטען פאַר דער צייט. דערפאַר, אונ ווייל דיא יודען היטען אין דער צייט צו שטעלען פאָקען דיא קינדער, שטאַרבען זעהר ווייניג יודישע קינדער אין דיא ערשטע לעבענס-יאַהרען, גאר אַסך וויינינגער, וויא ביי די אַנדערע אומות. דאָס אַלעס האט געגעבען אַסך בעריהמטע דאָקטורים דיא פאָלגע מיינונג, אַז דיא לעבענס-פעהיגקייט אונ פרוכטבאַרקייט פון דיא יודען איז אַבעזונדערע טבע פונ'ם יודישען פאָלק.

דערצו איז נאך די מאָסיגקייט פֿון יודען אין עסען און טרינקען, דיא ריינליכֿקייט אין לעבען צווישען מאַן און ווייב, זייער זאָרג פֿאַר זייערע קראַנקע און פֿאָלגען דעם דאָקטערס עצות און בעפעהלען. דערפֿאַר מאַכֿט זיך אויך על פי רוב אַז ביי עפידעמיען (אָנשטעקענדע קראַנקהייטען) וויא חאָלערא, איז דיא שטאָרבליכֿקייט ביי יודען קלענער, וויא ביי אַנדערע. יעדער דאָקטאָר, וואס היילט אָפֿט יודען, ווייסט וויא פֿאָטער, מוטער און אַנדערע קרובים שטעלען זיך אַרום איהם און פֿראָגען איהם וועגען קראַנקען איבערין קלייִנסטען אוים, וויא גערן יודען פֿרעגען נאך אויף גרויסע דאָקטורים און גיעבען זיי דעם לעצטען ביטערן גראָשען אָב צוליעב זייער קראַנקען, און דאס מוז נאך אויפֿפֿאָלענדער זיין, וועז מען ווייסט, וויא זייערע שכֿנים, למשל, דיא פּויערים, זיינען זיך נוהג זיי זיצען און וואַרטען גלייכֿגילטיג צו דער קראַנקער וועט געזונד־ווערען אָדער שטאַרבען.

דיא הויפט סבה, וואס יודען האָבען זיך אויפֿגעהאַלטען איז געווען דאס, וואס זיי זיינען אָבגעהיט געווען פֿון שכרות און פֿון געוויסע קראַנקהייטען, וואס נעמען זיך פֿון אויסגעלאַסענעם לעבען. צוויי איבעל, וואס ביי אַנדערע אומות רויבען זיי אַוועק דאָס לעבען פֿון טויזענדער מענשען און שלעפּען איבער דיא קראַנקהייט פֿון אַיין דור צום אַנדערן. אָט זיינען, למשל, אין רוססלאַנד גאַנצע דערפֿער פֿון פּויערים, וואס ליידען פֿון אַזעלכֿע קראַנקהייטען.

צו מיין בעדויערין, מוז איך אָבער מודה זיין, אַז אין דעם ענין ווערען שוין יודען אויך שוואַכער: זינד דיא פערמאָגליכערע האָבען זיך אָנגעהייבען מעהר מישען מיט דיא אַנדערע אומות אונ האָבען צוזאַמען מיט דער יודישער קאַפּאָטע אַראָבגעוואָרפען אויך דיא גוטע מדות פון יודישקייט אונ זיך איבערגעגעבען צו פרעמדע מאוס'ע תאוות. אין איינע פון דיא גרעסטע יודישע שטאָדט איז שוין דאָ אַ יודישער שפּיטאָל פאַר אַזעלכע קראַנקהייטען, אונ צו אונזער גרויסען בזיון, קאָנן מען ניט זאָגען, אַז ער שטעהט לעדיג...

ווען עס זאָהל, חלילה, ניט באַלד אַנדערש-ווערען, האב איך זעהר מורא פאַר דיא צוקונפט, אונ איך זעה מיט גרויסען שרעק דיא צייט, ווען דיא גע-צאָהלטע מדות, וואס היטען דעם יודישען קערפער פון דיא קראַנקהייטען וועלען אויסגעראָט ווערען אונ דאס יודענטהום פון גהעטאָ וועט אַלס גיכער אונ גיכער קערפערליך אונ גייסטליך אין גאַנצען חרוב ווערען.

נאך אַלעמען, וואס איך האָב דא געשילדערט, קום איך צום תוך פון דער זאַך צו דער פראַגע: אויף וועלכען אופן קאָנן געשעהען דיא קערפערליכע פאַר-בעסערונג פון דעם גהעטאָ-יודען? דאַרויף איז דאָ נאר איין איינציגער אַנטוואָרט: דיא קערפערליכע פאַרבע-סערונג היינגט נאר איינציג אונ אַליין אָב פון דער פערענדערונג אין דעם סאָציאַל-עקאָנאָמישען מצב פון דיא גהעטאָ-יודען, ווייל נאר דער שלעכטער מצב פון

דיא יודען צוברעכט און צושטערט וואס ווייטער מעהר דעם יודישען פֿאָלקס-קערפּער. טאַקי אין גהעטאָ אַליין קאָננען מיר געפֿינען אַבעוויז דערפֿון: דיא ערדאַרביי-טער אין חערסאָנער אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס, דיא פליטען אַרבייטער אין פינסק און דיא טראָגער בייין ים אין אָדעססא, וועלכע געפֿינען זיך שטענדיג אויף דעם פֿרייען לופֿט און קאָננען זייערע כחות ענט-וויקלען, זיינען אַסך שטאַרקער און געזינדער, גלייכע פּראַוועס, דאס פֿרייע וואָהנען, דאס אַיינברעכען דיא גהעטאָ וואָנד (טשערטאַ), דיא ערלויבנים, אַז יודען זאָלען מאָגען קומען וואָהין זיי ווילען אין דעם גרויסען רוסישען לאַנד, —וואו יעדער קאָנן געפֿינען זיין חיונה, וויפֿיעל ער בעדאַרף, — דאס אַלס וואָלט אַמשך פֿון 2 ביז 3 דורות געקאָנט דיא יודען קערפּערליך אַזוי שטאַרק הויבען, וויא אין מערב-איירופּא. אין דעם פֿאַל רעד איך אַלס דאָקטאָר און ניט אַלס ציוניסט. אין גאַליציען און רומעניען, וואו דער עקאָנאָמישער מצב פֿון דיא דאָרטיגע איינוואָהנער איז שטאַרק גע-זונקען און דערמאָראַלישער מעמד פֿון דיא שלאַכטיצען און באַיאַרען זיינען אַזוי נידריג, וואָלט געקאָנט אַסך בעסער ווערען, ווען דיא רעגירונג, אָנשטאָט צו חנפֿה'נען דיא אַנטיסעמיטישע באַנדע, וואָלטען שטרענג געהיט צו ערפֿילען דיא געזעטצען פֿון דיא לאָנדער.

ווייל מיר קאָננען אָבער ניט האָפֿען, אַז דער צושטאַנד זאָהל אין גיכען זיך פֿאַרבעסערין, נור פֿאַר-קעהרט, מיר זעהען נאך אַלע סימנים, אַז דיא יודען

זאָהלען אינ'ם קומענדיגען יאָהרהונדערט, אַזוי גוט וויא אין דעם פערגאַנגענעם, זיין דיא קליינע פישלעך פאַר דיא גרויסע העכט פון פרעמדע וואַסער, אונ וויל מיר זעהען איבערהויפט, אַז האָטס דיא קולטורע אונ ציוויליזאַציע שטעהען אַזוי הויך, ווערט פון דענסט וועגען דיא אירופישע תורת המוסר אין דיא לעצטע צעהנדליג יאָהרען איבערגעדרעהט מיט'ן קאָפּ אַראָב, דערפאַר קאָננען מיר ניט ערוואַרטען, אַז אונזער זאַך זאָהל בעה דיא יודען זיינען אין גהעטאָ אין גאַנצען אויסגעפיהרט ווערין; עס קאָנן נאר געדעט ווערען פון קליינע שוואַכע מיטלען „לפי שעה", וואס וואָלטען נור ‏יעם קערפערליכען חרבן פון דיא גהעטאָ-יודען געקאָנט אַ ביסעל אָפּהאַלטען; דערצו וואָלטען די צדקה אונ דיא זעלבסט הילף ביי דיא גהעטאָ-יודען בעדאַרפט אנשטריינגען אַללע כחות, כדי נור אַ קליינעם טהייל ווערפון דו בצופיהרען.

צוא דיעזע „לפי שעה" מיטל'ען געהערט פאַר אַלעמען דיא אויסבעסערונג פון דיא חדרים, תלמוד תורה'ס אונ ישיבות. נאך דעם, וואס מיר האָבען אויבען געזאָגט, זיינען דיא דאָזיגע שוהלען אַ אָרט, וואו דיא יודען פאַנגען אָן פון זייערע יונגע יאָהרען צו ווערען קערפערליכע קאַליקעס. ווען דיא בעסערנעשטעלטע יודען אין גהעטאָ, וואָלטען זיך איבערהויפט דעם שיקזאַל פון זייערע אָרימע ברידער נעהענטער צום האַרצען גענומען, וואָלטען זיי געזאָרגט, אַז דיעזע ערטער פון וועלכע עס שטאַמען אַלערליי

קראַנקהייטען, זאָהלען פֿאַרביטען ווערען אויף שוהלען מיט ליכֿטיגע לופֿטיגע הדרים, איינגעאָרדעט מיט אַללע נעטיגע בעקוועמליכֿקייט, וואס פֿאָדערט דיא געזונדהייט; דאס לערנען וואָלט בעדאַרפֿט איבעריגע געבען ווערען אין בעסערע און רעכֿטע האָנד; דערצו וואָלט מען געמוזט גרינדען לעהרער־שולען, פֿון וועלכֿע עס זאָהלען אַרויס ספּעציאַלנע לעהרער פֿאַר יודישע קינדער, און דערווייל זאָהל מען פֿון דיא איצטיגע לעהרערס אויסקלייבען דיא בעסטע. אין דיא שוהלען וואָלט מען דורכֿאויס בע־דאַרפֿט איינפֿיהרען גימנאַסטיק און דערביי וואָלטען מיר געהאַט געגנער נור צווישען אונזערע פֿאַנאַטישע ברידער אַליין, וועלכֿע לעבען "על פי זהר" און זאָגען גראַד פֿאַרקעהרט וויא דיא גמרא, אַז "וואס שוואַכֿער עס איז דער קערפּער איז אַלץ שטאַרקער דער גייסט".

עס וואָלטען בעדאַרפֿט אין אַלע גרעסערע יודישע שטאָדט געגרינדעט ווערען, שוהלען פֿון בעלי־מלאָכֿות, וויא, למשל, דיא בעוואוסטע שוהל "טרוד" אין אַדעססאַ. מיר וואָלטען דאַמאָלט געהאַט בעסערע און טיכֿטיג אויסגעלערענטע בעלי מלאָכֿות, וועלכֿע וואָלטען אומעטום געפֿונען אַרבייט.

מען מוז מאַכֿען חברות פֿאַר גימנאַס־טיקע, וועלכֿע דיא רעגירונג וואָלטען געוויס ער־לויבען, ווייל דיא יונגע לייט וואָלט געקאָנט ער־צויגען ווערען צו טיכֿטיגע סאָלדאַטען און עס וואָלט אַסך וויינינגער געוואָרען דיא צאָהל פֿון דיא, וואס

ווערין ביים פריזיוו פארבראקירט. מען וואלט דאמאלט דיא יונגע רעקרוטען געמוזט געבען צו פארשטעהן, אז זיי מוזען זיך דעם מיליטערישען דינסט איבערגעבען מיט לייב און זעעל און מוזען ערפיהלען מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט אללע זייערע שווערסטע חובות; זיי וואלטען דערמיט ניט נאר געטהון זייער חוב, וואס זיי זיינען שולדיג דעם לאנד אין וועלכען זיי לעבען, נור זיי וואלטען דערפון געהאט דיא גרעסטע נוטצען פאר זיך אליין, שטארקענדיג זייער גוף.

אין דיא קלענערע שטאדטליך, וועלכע ליידען יעדעס יאהר, באלד דא, באלד דארטען, פון שרפות און הונדערטער פאמיליעס ווערען דערפון ר״ל בעט־לער, וואלטען בעדארפט געגרינדעט ווערען רעטונגס־חברות פון פייער (פאזשארנע קאמאנדעס) אין וועלכע עס זאלען נעהמען אטהייל, מעהר, אדער וויניגער אללע איינוואהנער פון שטאדטיל.

פאר דיא פאבריק־ארבייטער און דיא ארבייטער אין גרעסערע ווארשטאטען, איז איבער דיא שלעכטץ וואס הערשען דארט, קאנן מען ניט דיינקען וועגען א זעלבסט הילף, ווייל דיעזע ברענענדיגע פראגען זיינען ניט נור יודישע, נור גאנץ אלגעמיינע, וואס בעטרעפען דעם כלל ארבייטער און דאס איז ניט ביי אונז אין האנד.

דאגעגען וואלט מען אבער געמוזט זארגען, אז דיא ארבייטער, וואס געהן ארום דעם גאנצען

זומער אין דיא שטאָדט אונ שטאָטדליך. אָהן אַרבייט זאָהלען זיך אָרגאַניזירען אין חברות אונ דורך זייערע פאָרשטעהער אויפזוכען אַרבייט איבער דיא צייט פון דיא פעלדאַרבייט ביי יודישע גוטס בע־זיצער, וויפיעל עס איז נור דא, אונ אפילו אויך ביי ניט—יודישע. עס וואָלט דערמיט דערגרייכט געוואָרען אַ דאָפּעלטער צוועק: אויף ווינטער פאַרזאָרגט מיט דיא נייטהיגסטע לעבענסמיטלען אונ לייגגער זיך אויפ־האַלטען אין פרישען לופט אויפ׳ן לאַנד.

עס וואָלטען בעדאַרפט געגרינדעט ווערען אַ גרעסערע צאָהל פון ערדאַרבייטער־פערמעס אונ גאָרטנער שוהלען פאַר יודישע יונגליך, אַזעלכע, וויא ס׳איז שוין יעצט פאַראַן אין עטליכע ערטער. מיט גאַנץ קליינע מיטלען וואָלט מען דאס געקאָנט דורכ-פיהרען.

אונ אזוי גוט וויא פאַר יונגלעך וואָלט מען געמוזט מאַכען אָנפאַנגער אונ פאָר־שוהלען פאַר מיידלעך, כדי זיי זאָהלען לערנען אונ פאַרשטעהען צו לעבען זעלבסט-שטאָנדיג, ווען זיי ווילען בעדאַרפען, אָנשטאָט זיי חתונה צו מאַכען אין דיא קינדער־יאָהרען, אָדער לאָזען זיי זיטצען אונ וואַרטען נור אויף אַ חתן. עס וואָלטען דיא דאָקטורים בעדאַרפט אָהן אויפהער וואָרענען געגען דעם שענדליכען מנהג. אויך וואָלט גלייך געוועזען פאַרשטעהן צו געבען דיא פרויען, אַז די יודישע ריינליכקייטס געזעצען, נאך תורת משה אונ גמרא זיינען נאך ביז היינטיגען טאג די בעסטע

מיטלען צו פערהיטען זייער געזונד, ווען מען טרעט זיי ניט איבער, אָדער ווען מען מאַכט זיי ניט פער־קעהרט, וויא למשל מיט דער מקוה. דאן וואָלט מען בעדאַרפט איינריכטען פאַר אָרימע קליינע קינדער הייזער, וואו זיי זאָלען זיך אויפהאַלטען ביי טאָג, ווען זייערע עלטערן זיינען ניט אין דער היים און געהען אַוועק צו דער אַרבייט. דאס וואָלט גענוטצט צום געזונד און צו דיא ריינליכקייט פון דיעזע עלענדע קינדער. אויך וואָלט נייטיג געוועזען צו גרינדען דאַצעם פאַר שוואַכע קינדער.

וויא געזאָגט, וואָלטען דיא אַללע מיטלען „לפי שעה" ניט נור געשטאַרקט דיא ענערגיע און דיא זעלבסט הילף פון דיא גהעטאָ־יודען, נור זיי וואָלטען פערלאַנגט אַענערגישע אַרבייט און הילף פון דיא רייכע. דיא צדקות אויף דעם קאָננען אָבער ניט גרויס זיין, ווייל דיא רייכע האָבען יעצט אויך גענוג צו טהון ביי אַלע שרפות, הונגערס־נויטה, פאַרפלייצונגען, פאָגראָמען, וועלכע זיינען געוואָרען ביי אונז שטאָנדיגע אורחים א. ז. וו. אַחוץ דעם מוז נאך דער פאַקט דערמאָנט ווערען, דאס דיא אַלגע־מיינע יודען־נויטה, וועלכע האט איהר פעולה אויף אַללע קלאַסען, מאַכט יעדעס יאָהר טויזענדער בעלי־בתישע יודען פאַר בעטלער.

דיא שוויריגקייטען, וועלכע עס שטעלען זיך געגען דער קערפערליכע פערבעסערונג אָט דאָ אין גלות, זיינען ניט קיין סך גרינגער וויא דיא, פון

וועלכע דער בעוואוסטער דייטשער מגזם, באראָן מינכהויזען, דערצאָהלט: ער איז אַמאָהל אַריין, אין אַזומפּ, און וועלכען ער האָט זיך אָנגעהייבען טרינקען, האט ער זיך אַליין אָנגענומען ביי דער צאָפּרינע פֿון זיין קאָפּ אונ זיך אַליין אַרויסגצויגען פֿון זומפּ.

איך קום, אַלזאָ, צום סוף, צו דער אייגענט־ליכער כונה פֿון מיינע רייד, און וועלכער איך שטים איין מיט אַללע בעסטע פֿריינד פֿונ׳ם יודישען פֿאָלק, מיט דיא ציוניסטען, דאס כל זמן דיא יודען זיינען אין גלות, קאָננען זיי ניט סיי קערפּערליך סיי גייסט־ליך געזונד ווערען. דאס קאָנן נור געשעהען אויסער דעם גהעטאָ, אויף אייגענער ערד, אין אַאייגענעם היים, נאר אין דעם איינציגען שטיקעל לאַנד, פֿון דער גאַנצער וועלט, וואו מען וועט דעם יודישען פֿאָלק לאָזען רוהיג לעבען. אין אַלאַנד, אין וועלכען ער וועט שעפּען נייע זאַפּט אונ פֿרישע כחות צו דער פֿערבעסערונג פֿון דעם גוף אונ צו דערהייבונג פֿון דעם גייסט. נאר אַגרויסע אונ פּאָרזיכטיג געפֿיהרטע מאַסען־אויסוואַנדערונג נאך ארץ ישראל, וואס ציהט צו זיך דאס האַרץ פֿון יעדען יודען, וואָלט גע־קאָנט מיט דער צייט געבען אַנייעם פֿרישען דור פֿון יודען, — אַ אויסגעלייטערטען דורך דיא גרויסע צרות אונ רדיפֿות פֿון זיינע אָבות, וועלכער עס וואָלט געקאָנט געבען דיא וועלט זויעדער אַמאָהל אַנייע לעהרע פֿון סאָציאַלער גערעכטיגקייט אונ

מענשליכקייט, וועלכע ווערען יעצט אומעטום געטראָטען מיט דיא פּיס און דערפאַר זינקען דיא שיינע מדות און דער מוסר פון דער מענשענהייט וואס ווייטער טיעפער און טיעפער.

יודען! דיעזע גרויסע אַרבייט, וואס איז אפשר איינע פון דיא גרעסטע אַרבייט אין דעם נייען יאָהר־הונדערט; וואָלט געקאָנט דורכגעפיהרט ווערען, ווען דאס גאַנץ יודישע פאָלק זאל נור וועלען; ווען דיא יודען, אַללע דיא, וואס שלאָפען און דיא, וואס ווילען זיך היינט אויסמישען מיט אַנדערע פאָל־קער, וואס דאס מאַכט זיי צום שאַנד און צו שפּאָט ביי דיא זעלבע פעלקער, זאָלען אָפען אַרויס מיט זייער אמת'ן געשטאַלט און זיך אַליין דערקענען אַלס אַ פאָלק; ווען דיא יודען זאָלען דיא אַללע מיליאָנען, וואס ווערען יאָהרליך אויסגעגעבען אויף פערשידענע צוועקען, פון וועלכע דיא יודען אַליין האָבען הנאָה, און נוטצען וויינינגער פאַר אַלעמען, אויסגעבען אויף צו בעזעטצען דאס יודישע פאָלק אין ארץ ישראל; ווען דיא יודען זאָהלען שוין סוף כל סוף זיך אָבזאָגען פון דעם געדאַנקען, אַז זיי וועלען דורך גראָס מוטה פון איין זייט און דורך נידריגע קנעכט־שאַפט פון דער צווייטער זייט, אַמאָל קאָננען איבערמאַכען דיא הערצער פון דיא אַנדערע פעלקער, זיי זאָלען ווערען ווייכער און בעסער. מיר קאָננען ניט האָפען, אַז אַללע מענשען וועלען באַלד ווערען ברידער. דאס וועט נאך ניט אַזוי גיך זיין! דערווייל זאל יעדער זעהען

וואס ער טהוט, זאָל יעדער זעהען וואו ער איז, און ווער עס שטעהט, זאָל זעהען ניט צו פֿאַלען.

אין דעם טאָג, ווען איך וואָלט דערזעהען דעם מאָרגענשיין פֿון דער קערפּערליכֿער פֿאַרבעסערונג און גייסטליכֿער אויפֿהייבונג פֿון מיין פֿאָלק, וואָלט איך מיט שמחה אויסגערופֿען:

„איך האב גענוג געלעבט אויף דער וועלט!"...

דיע יודישע

# קאלאניאל-באנק

## איהר טהעטיגקייט אונד איהר צוקונפט

פון בן-זאב

Юрьевская Еврейская
библіотека имени
Д-ра Я. А. Эйгеса
№ 701

ווילנא, תרס״א.
בדפוס י. פיראזשניקאוו.

# ПРОЕКТЪ УСТАВА

## ЕВРЕЙСКАГО КОЛОНІАЛЬНАГО БАНКА.

составилъ,

**Бенъ-Зевъ.**

Вильна, Типографія И. І. Пирожникова

1901

Дозволено Цензурою 5-го Апрѣля 1901 г.
Вильна.

# די יידישע קאלאניאל-באנק.

אז מיר וועלן אונז פארשטעלן דיע ערשטע ארבייט וואס שטעהט אונז פאר אום צו ערייכען דעם ציעל פון אונזער ציוניסטישען געדאנקען, צוא בעקאממען פאר אונזער פאלק א עפענטליך־רעכטליך געזיכערטען ארט וואו ער זאלל זיך קענען רוהיג לעבען אונד ענטוויקלען נאך זיין וואונש אונד האראקטער וועלען מיר געפינען, אז עס שטייט אונז אין וועג גרויסע הינדערניססע, אונד צוואר:

א) „מי ילך לפנינו" — ווער איז דאס דער אידעשער ראש ומנהיג — דער פארשטייער פון גאנצען פערשפרייטען פאלק ישראל — וואס זאל קענען ריידען אין נאמען פון גאנצען פאלק אונד מען זאל איהם קענען אויך בעטראכטען אלס פארשטעהער. —

ב) ווער וועט קענען געבען די גאראנטיען (בטחונות), אז דאס וואס ער מאכט אפ וועט קענען אויסגעפיהרט ווערען.

ג) וואו זאל מען נעהמען צו דער גוטען

מינוט (בְּשַׁעַת הַכּוֹשֶׁר) דעם קאפּיטאל וואס מען וועט דארפען האבען אום אויסצופיהרען די זאך.

ד) אויף וועמעס נאמען קענען געמאכט ווערען די פערטרעגע (אבמאכען) קאנצעסיעס און דערגלייכען, וועלכע עס זאללען געשלאסען ווערען מיט דער צייט אום צו ערווערבען ביסלעכווייס דען עפענטליך – רעכטליך היים.

אז מיר וועלן נאך גענומען אין בעטראכט, אז דער גאנצער שווער-פונקט פון דעם אידישען נאציאן, ליעגט דא, וואו יעדע פערזאמלונג איז פערבונדען מיט פערשיעדענע בעגרענצונגען (הַגְבָּלוֹת) אין יעדע געלדזאמלען איז פארבאטען (פאר-ווערט), וואו אונזער מאססע קען קיינעם ניכט בעפאלמעכטיגען אפילו אונד קען קיינע גראסע סומע צו זאממענגעהמען וועלען מיר באלד פארשטעהן, אז דער ציוניזם וואלט געבליעבען א שיינע פאנ-טאזיע, א זיסער חלום, ווען מען וואלט ניט גע-פונען א מיטעל וויע דיע אלע היגדערניססע צו בעזייטיגען.

דאס האבען פארגעזעהן אונזערע גרויססע פיהרער, אונד זיי זיינען געקוממען אויף א גוטען– מען קען זאגען אויף א גאוניששען – פלאן. דער פלאן בעשטעהט אין דעם, אז מען זאלל מאכען א אידעשע קאלאניאל-באנק, און דאדורך וועט שוין ארונטער גענוממען ווערען דיע אללע אביגע היגדערניסע:

א) ווייל דיע באנק וועט זיין דער אונפער-

זאָנלִיבֶער (אַ פָאַרְשְׁטֶעהֶער אָבֶער אָהן אַ פֶּערְזָאן) פָאַרְשְׁטֶעהֶער פוּן אוּנְזֶער נַאצְיָאן.

ב) די בַּאנְק וֶועט קֶענֶען גֶעבֶּען די טִירְקִישֶׁע רֶעגִיערוּנְג דִיע גַארַאנְטִין (בִּטְחוֹנוֹת), וֶועלְכֶע זִיע וֶועט פָאדֶערן.

ג) דִיע בַּאנְק וֶועט הָאבֶּען צוּא יֶעדֶער צַייט דֶען גֶעטְהִינֶען קַאפִּיטַאל אוּנְד וֶועט קֶענֶען זִיךְ בֶּענוּצֶען מִיט דֶער גוּטֶען מִינוּט.

ד) אוֹיף די בַּאנְק וֶועט מֶען קֶענֶען מַאכֶען די קָאנְצֶעסְיֶעס, רַאזְרֶעשֶׁענְיֶעס, אוּנְד אָבְמַאכֶען וֶועלְכֶע דִיע טִירְקִישֶׁע רֶעגִיערוּנְג וֶועט אוּנְז גֶעבֶּען מִיט דֶער צַייט.

ה) דִיע בַּאנְק וֶועט זוּכֶען צוּ שְׁטֶעהְן אִין פֶּערְבִּינְדוּנְג מִיט די טִירְקִישֶׁע רֶעגִיערוּנְג, זִיע וֶועט אִיהר פֶּערְהֶעלְפֶען בַּיי אִיהרֶע אָנְלַייהֶען אוּנְד דָאס גְלַייבֶען, אוּנְד וֶועט שְׁטֶאנְדִיג אוֹיפְּפַּאסֶען יֶעדֶע גֶעלֶעגֶענְהַייט, יֶעדֶע גִינְסְטִיגֶע סֶעקוּנְדֶע אוּם צוּא גֶעווינֶען וָואס פַאר אוּנְז, אוּנְד אוּנְז גֶעהֶענְטֶער צוּ פִיהרֶען צוּ אוּנְזֶער צִיעל, בִּיז מִיר וֶועלֶען דֶערְגְרֵייכֶען אוּנְזֶער גַאנְצֶען וואוּנְשׁ.

צוּ קֶען די בַּאנְק הָאבֶּען אַזַא גְרוֹיסֶען קַא-פִּיטַאל, וֶועלְכֶער עֶס קֶען נֵייטִיג זַיין אוּם אוּיס-צוּפִיהרֶען אַזַא גְרוֹיסֶען פְּלַאן?

א) זָאבַּאלד די בַּאנְק וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען אוּנ זִי וֶועט אָנְפַאנְגֶען פִיהרֶען גֶעשֶׁעפְטֶען אוּנ אַללֶע וֶועלֶען קֶענֶען זִיךְ אִיבֶּערְצַייגֶען, אַז דִיע בַּאנְק פִיהרְט זִיךְ פָאַרְזִיכְטִיג, רַאנֶעל אוּנ גוּט, וֶועט

דיע באַנק קריעגין באַלד צו טהויען, אונ דיע אַקציען וועלען האָבען אַ פעסטען קורס אויף די אייראָפּייאישען בערזען דאן וועט שוין קיין זאָרג (דאַגה) זיין צו פערקויפען די נאָך איבערגעבליעבענע אַקציען, אונ נאָכדעם אַז די באַנק וועט פערטאָהן אין פערשיעדענע געשעפטען דען גאַנצען אַקציען קאַפּיטאַל וועט זיא קענען פערעפענטליכען אַ נייע חתימה אויף נאָך אַ סעריע אַקציות אונ זיא וועט אויף אַזאַ אופן וויעדער פערגרעסערען איהר קאַ-פּיטאַל ווי ווייט זיע וועט וועלען, אויסערדעם וועט דיע באַנק נאָך זוכען צו קומען אין פער-בינדונג מיט אַנדערע אונזערע גרויסע ביינק אונ באַנקירען, זיע וועט גרינדען אונטער איהר ליי-טונג (הַנְהָגָה) פערשיעדענע קאָנסאָרטיומס (שותפות) פון אַנדערע באַנק אינסטיטוטען, זי וועט גרינדען אויך אַנדערע ביינק מיט ספּעציעלע ציעלען (צום ביישפּיעל אַ גראַר—ביינק (זעמעלנע ביינק) קאָמערצ-ביינק, געגענזייטיגע—קרעדיט—ביינק, האַנדעל אונ אינדוסטריע ביינק, א. ד. ג.) וועלכע עס זאָלען — וועהן אויך אונדירעקט — פערהעלפען אונז צו אונ-זער זאַך. אין דיעזע גרינדונגען וועט די קאָלאָניאַל באַנק אַריינטראָגען נור איין טהייל געלד וועלכער עס וועט זיין נייטיג צו גרינדען דיעזע ביינק אָדער צו פיהרען מיט זיי דיע געשעפטען בשותפות. די אויף דעם אופן געגרינדעטע באַנק וועלען נאָכהער אויך קענען פערגרעסערען זייערע קאַפּי-טאַלען אונ אויסברייטען זייערע טהעטיגקייט

אונטער דער פירונג פון דער הויפט גרינדערין זייערע-די ידישע קאלאניאל—באנק, —

ב) די קאלאניאל—באנק וועט זוכען אריינ-צונעהמען ביי זיך די אללע גרויסע אידישע קאפי-טאלען, וועלכע עס געהערען צו דעם אידעשען נאראד (ווי דער פאנד פון יק"א א. ד. ג.) אונד לעגען יעצט אין פרעמדע בייגק. יעצט שטעהען נאך די פיהרער פון דעם אפיציאלען יודענטהום אונז געגען אדער זיי האלטען זיך פון ווייטען, אבער מיר קענען האפען, אז דער פאלקס ווילען וועט זיי באלד דריקען ענטוועדער אריינצוטרעטען אין אונזערע רייהען אדער אראבצוגעהן פון דער במה אונ איבערגעבען זייערע שטעלען אנדערע מענשען, וועלכע זיינען מעהר נאציאנאלע געזינט ווי זיי. —

ג) מען וועט קלייבען אין דעם ידישען קאלאניאל—באנק דעם יודישען נאציאנאל—פאנד. ביז יעטצט איז געוועזען אונמעגליך צו צוטרעטען צו אזא זאך, ווייל עס איז ניט געוועזען וואו צו קלייבען די געלד אונ עס איז ניט געוועזען א פער-זאן, אויף וועמעס נאמען מען זאל דאס אנטרוי-ען, אזא קאפיטאל איז ממון שאין לו תובעים (געלד וואס איז ניטא ווער זאל זיי מאנען) אונ מאן קען עס דאהער קיינעם ניט טרויען, יעטצט אבער, אז מיר האבען א אייגענע באנק, קענען מיר גאנץ גוט קלייבען דארט דעם פאנד אונ שטעלען עס אונטער דער פערוואלטונג פון קאנ-

גרעס, וואָס זיין פאָרשטעהער איז דער אַקציאָנס—קאָמיטעט. דער נאַציאָנאַל—פאָנד קען מיט דער צייט ווערען אַ גרויסער קאַפּיטאַל. די אַרמעניער, אַ קליינער אָרעמער פאָלק, האָבען אָנגעקליעבען אַ נאַציאָנאַל—פאָנד אויף מעהר אַלס פיער הונדערט מיליאָן, און ווען צום ביישפּיעל אונזערע עלטערן אַרויסגעהענדיג פון שפּאַניען וואָלטען געטראַכט וועגען דעם עתיד פון אונזער פאָלק און וואָלטען אַ וועקגעלייגט אַ סומע פון 10,000 רוב. אַלס נאַציאָנאַל—פאָנד אויף 5 % יעהרליכע וואָלט יעצט געווען דערפון אַזאַ גרויסע סומע, וועלכע מען קען קוים צו נויפרעכענען (צירקא 5,500 מיליאַרד).

ד) יעדער איד וועט זוכען צו האַלטען זיינע ערשפּאַרטע געלד אין דעם קאָלאָניאַל—באַנק וועלכע וועט איהם זיין ליעבער אַלס די אַנדערע בייגק, און מיר קענען אויך פעסט רעכענען, אַז אונזערע גרויסע אידעשע באַנקירען, וואָס שטעהען יעטצט פון ווייטען פון אונזער בעוועגונג, ענטוועדער ווייל זיי מיינען, אַז די אַנטיסעמיטען וועלען זיי אָנפּאַלען און שרייען אַז זיי זיינען ניט קיין פּאַט-ריאָטען, אָדער זיי שאַמען זיך פאַר זייערע קריסט-ליכע און אַ סימילירטע יידישע געזעלשאַפט זיי זאָלען פון זיי ניט לאַכען, אַז זיי האָבען צו טהאָן מיט אידען, וועלכע שטעהן נידעריג אין זייערע אויגען. אָדער זיי האָבען מורא טאַמער וועט זיך

דִי זַאךְ נִיט אוֹיסְפִּיהְרֶען, וֶועלֶען זַיי, נָאךְ זַייעֶר מֵיינוּנְג, בְּלַייבֶּען צוּ שַׁאנְדֶע פַאר זַייעֶר אוּמְגֶעבּוּנְג, אֶט דִי בַּאנְקִירֶען וֶועלֶען אוֹיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט זוּכֶען צוּ אוּנְטֶערְשְׁטִיצֶען דִי בַּאנְק אוּנ אִיהר פֶּער-הֶעלְפֶען צוּ דֶערְגְרֵייכֶען דֶעם צְוֶועק. מִיר קֶענֶען גַאנְץ לַייכְט פֶּערְשְׁטֶעהֶען, אַז אוּנְזֶערֶע בַּאנְקִירֶען וֶועלֶען קוּמֶען צוּם שֵׂכֶל, אַז צוּ זַיין בְּתוֹךְ עַמוֹ, צְוִוישֶׁען אֵיינֶענֶע בְּרִידֶער, וואוּ עֶס זָאלל זַיין נָאךְ פֶּעלְקֶער — רֶעכְטְלִיךְ גֶעזִיכֶערְט, וֶועט גֶעוִויס זַיין אַ סַךְ אַנְגֶענֶעהמֶער וִויא צווּא לֶעבֶּען צְוִוישֶׁען דִיא פֶּעלְקֶער אוּנ הֶערֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעם לַארְם פוּן אַנְ-טִיסִימִיטֶען אוּנ וִוילֶענְדִיג אָדֶער נִיט וִוילֶענְדִיג אָפְּפֶערְן פַאר זַיי מִילְיָאנֶען יֶעדֶען יָאהר. — אוֹיבּ דִי בַּאנְקִירֶען וֶועלֶען דָאס נִיט טָאהן פוּן זַייעֶרְטְ-וֶועגֶען וֶועלֶען זַיי עֶס טָאהן פוּן זַייעֶרֶע קִינְדֶערְס-וֶועגֶען, אָדֶער פוּן רַחֲמָנוּת צוּ אוּנְזֶער אָרֶעמֶע אוּנְטֶערְגֶעדְרִיקְטֶע פָאלְק. —

אֶט אַזוֹי, בִּיסְלֶעכְוַויס, בִּיסְלֶעכְוַויס, טְרִיט בַּיי טְרִיט, וֶועט דִי בַּאנְק צוּ צִיעהֶען צוּ זִיךְ גְרוֹיסֶע קַאפִּיטַאלֶען, אוּנ זִי וֶועט וֶוערֶען אַ גְרוֹיסֶע גֶעלְד קְרַאפְט, דִי טִירְקִישֶׁע רֶעגִירוּנְג וֶועט בַּאלְד דֶער-פִּילֶען דִי שְׁטַארְקֶע גֶעלְדְמַאכְט אוּנ דִי נוּצֶען וָואס זִי קֶען דָא בֶּעקוּמֶען אוּנ וֶועט זִיךְ פְרַיינְדְלִיךְ פֶּער-הַאלְטֶען צוּ אוּנְזֶער פְּלַאן. דִי טִירְקִישֶׁע רֶעגִירוּנְג וֶועט בַּאלְד אַרוֹיסְזֶעהן אַז דָאס וָואס אִיהר פֶּעהלְט: גֶעלְד, בִּילְדוּנְג, אוּנְטֶערְנֶעהמוּנְגְס-גַייסְט פְלַייס אוּנ אוֹיסְדוֹיעֶר — קֶען זִי גֶעפִינֶען בַּיי אוּנְז, אוּנ זִי

וועט ניט דארפען מוזא האבען, אז מיר וועלען איהר איבערלוסטען (פערהיטערוועס) אז מיר ווילען איהר נור ארייגקריגען אונ נאכהער אבגעהמען ביי איהר צעהנפאך, אונזערע וואונשען וועלען איהר זיין גאנץ קלאר, זי וועט פארשטיין אז מיר ווילען איהר מאכען א נין עדן פון א שטיק מדבר, אז אונזערע קולטורע אונ אונטערנעהמונגס-גייסט וועט באלד ווערען א מוסטער פאר אללע איהרע אונטערטהאנען אונ אז זי וועט זיך ערוועכען דאנקבארקייט ביי אונזער גאנצען פאלק, ד. ה. ניט נור ביי אידען וואס וועלען וואוינען אונטער איהר שוץ, נאר אויך ביי די גרויסע מאסע אידען וועלכע ליעגען נאך צווא זייט אונ צו שפרייט אין אללע עקען וועלט, אונ א אנהיינגליכקייט אונ דאנקבארקייט פון א צוועלף-מיליאנגע שטארק-קולטווירטע נאציע, האט פיעל צו זאגען. — די טירקישע רעגירונג וועט זיין זיבער אונ רוהיג אז די אללע אבמאכען וואס מיר פעראבריידען מיט איהר וועלען פונקטליך אויסגעהאלטען ווערען, ווייל אויף אלעס וועט זיין די גאראנטיע פון די גרויסע באנק, אונ ווייל עס וועט ליעגען אין אונזערע נוצען צו שטארקען די טירקישע רעגירונג, דען אז די טירקישע רעגירונג וועט זיין שטארק אונ מיר נאך פון אנ-דערזייט זיין עפענטליך—רעכטליך געזיכערט, דאן זייגען מיר פאלשטענדיג רוהיג מיט אונזערע ער-ווערבונגען, די טירקישע רעגירונג וועט אונז שיצען געגען אנדערע רעגירונגען אונ די אנדערע

גאַראַנטירענדע רעגירונגען װעלען אונז שיצען געגען די טירקישע. — אט דאס איז דער װעג, װאס אונזער באַנק האט דורכצומאַכען אום אונזערע שיפעלע אַריינצופיהרען אין זיכערען האפען. יעצט װעל איך נאך ערקלערען די פראַגען:

1) װעלכע זיכערהייט (גאַראַנטיען) האבען מיר, אַז די באַנק װעט זיך פיהרען נאך אונזער װאונש? עס איז דאך אַ אַקציאָנערנע–באַנק װאו די אַקציאָנערן האבען צוא זאגען אַ דעה און װער װייס ביי װעמען די אַקציעס קענען אַריינפאַלען מיט דער צייט?

2) װאס װעט טאהן די באַנק מיט דעם צוזאַמענגענומענעם קאַפיטאַל איידער זי װעט אויספיהרען דעם הויפט צװעק?

3) װעלכע נוצען קען ערװאַרטען דער אידישער נאַראָד פון די פּאָרלויפיגע טהעטיגקייט פון דער באַנק?

4) צו איז די געלד, װעלכע מיר לייגען אַריין אין דער באַנק גענוג זיכער?

אויף די ערסטע פראַגע בעמערקע איך אַז לויט אוסטאַװ פון דער באַנק איז די 100 גרינדער אַקציען, װאס זייער שטימע האט אַזא בעדייטונג װי די אַללע 1,999,900 איבעריגע אַקציען, אַזוי אַז אויף אַ פערזאַמלונג זאלען קומען די הונדערט גרינדער-אַקציען און די אַלע 1,999,900 איבעריגע

אקציען וואס דאס איז דאך א זאך דער אונמאגליכקייט, וועלען די 100 גרינדער-אקציען האבען אזוי פיעל שטימען, וויפיעל די אלע איבעריגע אקציען צו זאמען, און דיעזע 100 גרינדער-אקציען געפינען זיך ביי אונז אין אקציאנס-קאמיטעט וועלכער ווירד אללע יאהר אויסגעקליבען פון קאנגרעס. — אלזא ליעגט די גאנצע הנהגה פון דער באנק שטענדיג אין אונזער האנד און מיר קענען שטענדיג בעאויפזיכטיגען און פיהרען די באנק פאליטיק נאך אונזער וואונש. — זעלבסט פערשטענדליך אז די קאממערצעסקיא אינטערעסען וועלען זיין אין גאנצען איבערגעבען צו די דירעקטארען און צו די פראוולעניע פון דער באנק, אבער די פאליטיק וואס די באנק דארף פיהרען צו אונזערע נוצען, אויף דאס וועט שטענדיג אויפפאסען דער אקציאנס-קאמיטעט, וואס אין זיינע הענד ליעגען די הונדערט גרינדער אקציען.

אויף די צווייטע פראגע וואס וועט דער באנק טהון איידער ער וועט זיך קענען נעהמען אויספיהרען אונזער הויפטציעל, וויל איך בט מערקען:

א) זי וועט לייען אויף זאקלאדניעס ו קולוניסטען אין א"י, זי וועט זוכען צו ענטוויקלען האנדעל און פאבריקאציאן אין די קאלאניען אין א"י, זי וועט ארגאניזירען (אין ארדנונג מאכען) דעם אריינפוהר און ארויספוהר אין די קאלאניען

(צום בײַשפּיעל: צוזאַמענגענעמען פון אַלע קאָלאָניסטען זייערע תּבֿואות, פּריכטע, ווײַנען א. ד. ג. און פערקויפען ווײַטער אין די ערטער וואו עס ווירד געפאָדערט אַזעלכע סחורות, און קויפען פיר אַללע קאָלאָניסטען די אַללע זאַכען וואָס זיי בעדאַרפען אַזוי אַז די קאָלאָניסטען וועלען קריגען וואָס מעהר פיר זייערע פּראָדוקטען און דאַגעגען וועט זיי קאָסטען ביליגער די אַלע אַרטיקלען וועלכע זיי ברויכען) די באַנק וועט קענען מאַכען סבערעגאַטעלנע — קאַססעס אין די קאָלאָניען א. ד. ג.

ב) די באַנק וועט זוכען אָנצונעהמען קאָנצעסיאָנען אויף צו בויען באַהנען און האַפענס אין ארץ ישׂראל, די באַנק וועט אָננעהמען בײַ דער טירקישען רעגירונג פערשיעדענע שטייער — מאָנאָפּאָלען (אָטקופּען). די באַנק וועט אין די אַללע געשעפטען געהן דעם וועג אין וועלכען עס זיינען שוין געגאַנגען אַנדערע גלײַכאַרטיגע בײַנק, און עס האָט זיי געבראַכט גרויסע נוצען.

ג) די באַנק וועט זוכען אויפצוהייבען אים אַלגעמיינען און איבעראַלל (ד. ה. בכל תּפוצות ישׂ׳ראל.) דען אידעשען געווערבעפלײַס, די אידעשע אינדוסטריע און פאַבריקאַציאָן דורך דעם קרעדיט, וועלכען זי וועט געבען די אידעשע געשעפטסלייט און צו דעם צוועק וועט זי האָבען פיליאַלען (אָבטהיילונגען) און אַ געניטען אין די ערטער אַוואו דאָס וועט זיין אַ פּראַקטישעס בעדירפנים. —

ד) די באַנק װעט מאַכען אַללע זיכערע באַנק אונ בערזענגעשעפטען װעלכע עס זיינען נאָר ניט פערבונדען מיט שפּעקולאַציאָן.

אויף די דריטע פראַגע: װעלכע נוצען קען ערװאַרטען דער אידעשער נאַראָד פון די פּאָר־לויפיגע טהעטיגקייט פון דער באַנק בעמערקע איך:

א) פון די אַללע געשעפטען, װעלכע איך האָב דאָ אויבען גערעכענט קען יעדער זעהען, אַז די באַנק װעט זיך אָבגעבען איבערהויפּט מיט אידען, זי װעט זוכען צו קומען מיט זיי אין גע־שעפט, זי װעט זוכען צו אונטערשטיצען זיי מיט איהר קרעדיט. —

ב) אַללע װייסען מיט װאָס פאַר א שװעריג־קייט עס איז צוגעגאַנגען די קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל אונ דאָס װאַר הויפּטזאַכליך דערפאַר, װייל די גאַנצע זאַך האָט זיך געגרינדעט אויף נדבות אונ עס איז ניט קיין מעגליכקייט געװעזען צו שטעללען עס אויף קאָמערצעסקיא אָסנאָװאַניעס (יסודות) אונ דאָס האָט געהאַט זעהר א שלעכ־טען איינפלוסס אויף די ענטװיקלונג פון דער קאָ־לאָניזאַציע דען:

1) די װאָהלטהאַטיגקייט האָט געמאַכט א שלעכטען מאָראַלישען איינדרוק אויף פיעלע פון די קאָלאָניסטען, װייל דורך נדבות געװאָהנען זיך מענשען צו זיין מקבלים אונ כל זמן מען ניט —

גֶעהמְט מֶען אוּנ אַז מֶען איז נִיט פֶערְאַנְטְוָוארְט-ליך מִיט די אײנגענע קעשענע פאַר די פֶּעהלֶער וָואס מֶען מַאכְט — אִיז מֶען נִיט גֶענוּג פָארְזִיכְטִיג. —

2) די וָואהלְטְהַאטִיגְקייט הָאט נִיט גֶעקֶענְט זַיין אַזוֹי גְרוֹים, אַז זִי זָאל קֶענֶען גֶעבֶּען דֶעם קָאלָאנִיסְט אַללֶעס אִין דֶער צַייט אוּנ אִין דֶער מַאסס אוּנ דַארִיבֶּער הָאבֶּען די קָאלָאנִיסְטֶען נִיט גֶעקֶענְט אַ וָועקְשְׁטֶעללֶען מִיט אֵיין מָאהל זֵייעֶר ווירְטְהשַׁאפְט אוֹיף אַ רִיכְטִיגֶען שְׁטַאנְד, דָאס זֵיי זָאללֶען קֶענֶען רוּהִיג אַרְבַּייטֶען זֵייעֶר זַאךְ, אֵיינֶער הָאט גֶעקְרָאנֶען מִיט גְרוֹיסֶע שְׁוָועריגְקייטֶען גֶעלְד צוּ פַאר עֶנְדִיגֶען זַיין שְׁטוּב, וָועהרֶענְד אַז אִיהם הָאט נָאךְ גֶעפֶעהלְט אַ שְׁטַאל דֶער אַנְדֶערֶער הָאט גֶעקְרָאגֶען מִיט מִיהֶע גֶעלְד צוּא קוֹיפֶען זְרִיעָה הָאט אִיהם גֶעפֶעהלְט אַ פֶערְד צוּם אַקֶער א. ז. ו. יֶעדֶער קען דֶערְפוּן פַארְשְׁטֶעהֶען ווי די מֶענְשֶׁען הָאבֶּען נֶעבַּאךְ גֶעמוּזְט לַיידֶען אוּנְטֶער אַ זֶעלְכֶע צוּשְׁטַאנְדֶען אוּנ וָואס פַאר אַ מַזָל בְּרָכָה עֶס הָאט גֶעקֶענְט זַיין בַּיי זֵיי. —

3) אַז אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט זִיךְ קָאלָאנִיזִירֶען אָדֶער פַארְפִיהְרֶען וָועלְכֶע עֶס אִיז פַאבְּרִיקַאצְיָאן אִין א"י אוּנ אִיהם הָאט גֶעפֶעהלְט אַ קְלֵיינֶער טְהֵייל גֶעלְד צוּ די סוּמְמֶע, וָועלְכֶע מַאן הָאט גֶעדַארְפְט הָאבֶּען דַאצוּ, הָאט עֶר דָאס נִיט גֶעקֶענְט אוֹיס-פִּיהְרֶען, ווייל דָאס וָואס אִיהם הָאט גֶעפֶעהלְט, הָאט עֶר נוּר גֶעקֶענְט קְרִיגֶען דוּרְךְ נְדָבוֹת אָדֶער

אויף גאנץ גרויסע ציגזען, דאס ערסטע איז געווען נאטירליך שווער און דאס צווייטע האט ניט געלאהנט. —

4) אז איינער האט שוין געהאט געננג קאפיטאל פיעל עס האט געפאדערט נאך דעם רעכענונג אום זיך צו קאלאניזירען אדער צו פארפיהרען אירגענד וועלכע פאבריקאציאן אין א"י, האט ער אויך מורא געהאט, טאמער טרעפט זיך א סבה אדער א שלעכטער יאהר און ער וועט קיין ארענטליכען קרעדיט קריגען וועט ער מוזען אנקומען צו נעהמען פון עפענטליכע וואהלטהעטיגקייט און דאס איז ניט פון די אנגענעהמע זאכען און אויך ניט אזוי לייכט צו קריעגען, די אללע אויסגערעכענטע אורזאכען, וועלכע עס האבען געשטערט די קאלאניזאציא און פאבריקאציא אין ארץ ישראל ווערדען זעלבסט-פערשטענדליך בטל ווערען זא באלד די באנק וועט זיך עפענען. —

ד) אז די באנק וויד געבען אירגענד וואו קרעדיט א אידישען פאבריקאנט אדער א סוחר וועט זי קענען איינווירקען אז ער זאל בעשעפטיגען אידישע ארבייטער, אז די באנק וויד אנגעהמען א באהן-קאנצעססיאן אדער אנדערע גרויסע געשעפטן וועט זי זוכען אז די ארבייטער אונד דער גאנצער שטאט (אללע סלוזאשצע) זאללען זיין אידען. —

די באנק וועט בכלל זוכען צו אונטערשטיצען אידישע געשעפטען, דאמיט מיר זאללען קענען אריבערטראגען דען שטארקען עקאנאמישען דרוק

אין וועלכען מיר געפינען זיך יעטצט אונד אזוי
וועט די באנק באלד זיך ערווערבען א גרויסע בע-
דייטונג אין דעם אידישען פאלקס לעבען. —

איך האב נור אויפגעצייכענט איינינגע שטריכען
פון די גרויסארטיגע צוקונפט פון אונזער באנק
אונד פון די גרויסע עקאנאמישע נוצען, וועלכע
זי קען אונז בריינגען, עס איז נאך פיעל, זייער
פיעל דאריבער צו ריידען, נור מיר דאכט אז די
אויסגערעכענטע זאכען קאנען שוין קלעקען אום
אונז צו בעגייסטערן פיר די גרינדונג פון דער
באנק, ווער רעט שוין אז מיר וועלען נאך דאצו
בערעכענען, וואס פאר א גראססען מאראלישען
איינדרוק עס וועט מאכען די עפענונג פון דער
באנק אויף אונזער נאראד, וועלכער וועט אנהייבן
צו גלויבען אין זיינע אייגענע קרעפטען, ער וועט
אוועקווארפען זיינע ניאנקעס, וואס יעדע פון זיי
פיהרט איהם אונד שלעפט איהם ארום וואו זי
וויל אונד וועט זיך אליין געהמען אויסבעסערען
זיין לאגע, ער וועט אנהייבען צו בעוועגען זיינע
דורך לאנגיאהריגע אונטהאטיגקייט פערשלאפטע
גליעדער אונד וואו בעוועגונג דארט איז לעבען
אונד די קליינסטע קרעפטען צוזאממענגענומען אין
איינעם אונד געריכטעט אויף איין פונקט — קענען
בעשאפפען וואונדער. —

איז דער קאפיטאל וואס מיר טראגען אריין
זיכער?

די פראגע האבען מיר אייגענטליך געקענט פארענטפערן מיט א געגענפראגע, פאר וואס דען ניט? צו איז טאקי נור די באנק זיכער וואו דער דירעקטאר איז פאפנוטי טערענטיעוויטש אדער פריעדריך מיללער? צו איז דען ניטא גרויסע ביינק אונד באנקגעשעפטען, וועלכע ווערען געפיהרט נור פון אידען, צו איז דען ביי אונז ניטא קיין פאהיגע אונ עהרליכע געשעפטסלייט? עס איז מעגליך צו פארשטעהן, וואסס פיעלע אידען ציהען פאר א קריסטליכען בעל-מלאכה אדער קריסטליכע דינער-שאפט וויל מיר האבען זיך שוין אזוי פיעל אנגע-הערט אונ אנגעלעזען אנטיסעמיטישע מיינונגען אז מיר האבען שוין אליין אנגעהייבען גלויבען אין זייערע לשון הרע, אונז דאכט זיך שוין אליין אז דער אידישער בעל מלאכה מאכט ניט אזוי שיין אונ אזוי ראעל די ארבייט ווי דער קריסט אונד די אידישע דינערשאפט איז ניט אזוי געטריי אונד ארבייטזאם ווי די קריסטליכע, אבער אז מיר פיהרען שלעכט באנק-געשעפטען, דאס האבען נאך די אנטיסעמיטען אויך ניט געזאגט, דאס נור אויסגעטראכט אונזערע אייגענע אידישע אנטי-סעמיטען אום אונז צו שאדען. — נור לאמיר עס בעטראכטען גענויער: די באנק ווערט זיך פיהרען— טראטץ איהר נאציאנאלען אנשטריך, טראטץ איהר נאציאנאלען כאראקטער — אויף די זעלביגע גרינדע ווי אללע ביינק, זי וועט זיך פאלזעווען מיט די סימפאטהיע פון דעם גאנצען אידישען

נאראד (מיט אויסנאהמע דעם קליינעם הייפעל
אידישע אנטיסימיטען) , אידישע געשעפטכלייט
וועלען זוכען צו מאכען זייערע געשעפטען דורך
איהר זי וועט געוויס זיין שטענדיג בעססער
אונטערריכטעט אלס אללע אנדערע בייגק איבער
די קרעדיט פעהיגקייט פון איהרע קליענטען אונד
אויף וועלכע בעדינגונגען זי דארף אריין געהן
מיט זיי אין געשעפט , יעדער ריכטיגער ציוניסט
וועט האלטען פאר א חוב צו געבען יעדער צייט.
די באנק א ידיעה ווי זי זאלל זיך פערהאלטען
אין איהרע געשעפטען . —

אונד אזוי פון אנפאנג אן געשטעלט א גוטען
גרינדע , געפיהרט אונטער נאציאנאלער אויפזיכט
אונד בעגלייטעט מיט די סימפאטיע פון א גאנצען
נאראד — וואס קיין באנק אין דער וועלט קען
זיך מיט זא עטוואס ניכט ריהמען — וועט די
באנק באלד ווערען א שטארקער אונד א גרויסער
אינסטיטוט אונ איהרע אקציען וועללען האבען
אללע שאנסען צו שטייגען פיעל מעהר אלס די
אקציען פון אנדערע גלייכארטיגע בייגק . —

ליעבע ברידער ! דאס וואס איך האב אייך
דא פארגעטראגען איז שוין דאכט זיך גענוג ,
אום ביי יעדען אידען ארויסצורופען דען וואונש
די גרויסארטיגע זאך מיט צו העלפען אונד ווי
קליין וועלען אונז אויסזעהען די מענשען וועלכע
עס האבען די מאגליכקייט צו זיין פארשריעבען

אין די צאהל פון די אַקְצְיָאנֶערן אוּנְד הָאבֶּען עֶס נִיט גֶעטָאהן, אוּנְד מִיט וָואס פַאר אַ פֶּער-אַכְטוּנְג וֶועלֶען קוּקֶען די קִינְדֶער אוֹיף דִי עֶל-טֶערְן, וֶועלְכֶע עֶס הָאבֶּען גֶעצֵייכֶענְט אַקְצְיֶען אוּנְד הָאבֶּען זֵיי נָאכְהֶער נִיט אוֹיסְגֶעלֵייזְט, דֶעם פְלֶעק קֶען נוּר דִי נַוואסֶער פֶּערְדֶעקֶען, וֶועלְכֶע עֶס הָאט דִי אֵיינֶענְשַׁאפְט צוּ פַארְדֶעקֶען דֶעם אִידֶען אָבֶּער נִיט אוֹיסְצוּוַואשֶׁען. —

# אִינְפָארְמַאצְיָאנְס־בֶּעמֶערְקוּנְגֶען

די יודישע קאָלאָניאַל־באנק איז געגרינדעט אויף אַ קאַפּיטאַל צוויי מיליאָן פונט שטערלינג. — אַקציעס זיינען דאָ צוויי מיליאָן, יעדע פון איין פונט שטערלינג (ערך 9 ר' 50 ק' וועלכע טהיילען זיך אויף:

א) גרינדער־אַקציות (אזעלכע זיינען דאָ נור הונדערט, אונד געפינען זיך נור אין די הענד פון אויפזיכטס־ראַטה).

ב) אימענניע־אַקציות (געשריבען אויף אַ נאָמען, אונד קענען דאַהער איבערגעהן פון איינעם צום אַנדערן נור דורך אַ פאָרמאַלנע פערעדאַצע).

ג) פרעדיאַוויטעלסקיאַ־אַקציות (ד. ה. אָהן

אַ נאמען. אונד קענען דאהער איבערגעהן פֿון איינעם צום אַנדערן גאנץ איינפֿאך, אָהן אַ פערעדאַטאָצנע־זאפיסקע).

די גרינדער־אַקציות געפינען זיך נורביים אויפזיכטס־ראַטה (וועלכער ווירד יאהרליך אויס־געקליבען פון קאָנגרעס), אונד ווערען ניט פאַר־קויפט.

פרעדיאַוויטעלסקי אַקציות קען מען בעקומען:

| | |
|---|---|
| אין באַברויסק ביי: | I. Каценельсонъ и Сынъ |
| " ברעסט־ליטאָווסק: | А. Городищъ |
| " בעלאַסטאָק: | 1) А. Городищъ. 2) Перлисъ и Гинзбургъ. |
| " ווארשוי: | 1) Братья Бахрахъ, |
| " " | 2) М. Фельдштейнъ, |
| " ווילנא: | 1) Я. Бенякобъ 2) И. А. Гольдбергъ 3) Банкирская Контора М. Ароновскій, |
| " האָמעל: | Братья Г. и С. Лурье. |
| " גראָדנע: | М. М. Эльяшевъ. |
| " דווינסק: | Ш. Я. Заксъ. |
| " יעקאַטערינאַסלאַוו: | Инж. М. Усышкинъ. |
| " קיעוו: | Д-ръ М. Мандельштамъ |
| " קאָוונא: | 1) И. Б. Вольфъ. 2) Ковенское Общество Взаимнаго Кредита. |
| " ליבוי: | Д-ръ Н. І. Каценельсонъ |
| " מינסק: | 1) М. Г. Рапопортъ. 2) Коммерческій Банкъ. |
| " מאָסקוי: | Братья Урысонъ. |
| " אַדעסא | Самуилъ Барбашъ. |
| " פינסק: | Пинское Общество Вз. Кредита |
| " רינא: | Л. Шалитъ. |

אימעננע אַקציות מוז מען אויסשרייבען פון באַנק אין לאָנדאָן דורך איינעם פון די אָבענגענאַנטע פֿערטרויענס-מאָנער אָדער קאָרעספּאָנדענטען.

די פּרעדיאַוויטעלסקיא אַקציות קאָסטען 9 ר' 50 ק' אונד דאַצו נאך 72 ק' איינגלישע שטעמפּעל אונד 15 ק' רוסישע שטעמפּעל (פֿון מאַי קאָסט נור 5 ק') פֿון יעדען סערטיפֿיקאַט ביז 5 אַקציות.

אימעננע אַקציות קאָסטען 9 ר' 50 ק' אונד 15 ק' רוסישע שטעמפּעל פֿון יעדער סערטיפֿיקאַט.

די גרינדער אַקציות נעהמען קיין אַנטהייל אין די רְוָחִים פֿון באַנק; — די פּרעדיאַוויטעלסקיאַ אונד אימעננע אַקציות נעהמען גלייכען אַנטהייל אין די רְוָחִים פון באַנק. — די בעזיצער פון אימעננע אַקציות נעהמען אַנטהייל אין פֿערזאַמלונגען פֿון אַקציאָנערען אונד די בעזיצער פֿון פּרעדיאַוויטעלסקיאַ מוזען מיט אַ געוויסע צייט פריהער צושטעלען אין באַנק זייערע אַקציות אונד נעהמען אַ שיין דאָס זיי זיינען בעזיצער פֿון אַקציות און ערשט דאַן ווערדען זיי צו געלאזען אויף די פערזאמלונגען.

ווען איינער וויל איבער געבען אַ אימעננע אַקציע, דאַן דאַרף דער פֿערקויפֿער אונד דער קויפֿער אונטערשרייבען אַ טראַנספּערט-שיין, בעשייניגען זייערע אונטערשריפֿטען ביי אַ נאָטאַר אונד אוועקשיקען די אַקציע אין באַנק אין לונדון אומצושרייבען דען נאמען.

פֿאַר אוממאַכֿען פֿון אימעננע אויף פּרעדיאַ-

זויטעלסקיאַ אָדער אומגעקעהרט, זאָוויע פֿאַר אומשרייבען פֿון אַיין נאמען אויף אַ אַנדערן אָדער פֿאַר אומבייטען אַ סערטיפיקאַט וואָס ענטהאַלט מעהרער אַקציות אויף קליינערע סערטיפיקאַטען נעהמט די באַנק איין רובעל 44 קאָפּ ענגלישע סטעמפעל אונד הוצאות (פֿון 1 ביז 5 אַקציות) אונד אויסערדעם נאָך 24 קאָפּ' פֿאַר יעדען בלאַנק וואָס זיא דאַרף אויסשרייבען.

# נמצאים ג"כ למכירה אצלנו:

**אונזער וועלטעלע I בראשיורע וועלכע ענטהאלט:**

א) כשר קוילען פון ש. פרוג

ב) די פיער קשיות פון בוקי־בן־יגלי

ג) בריעף פון מצרים פון מ. ל. לילענבלום

2 בויגען גרויסער פֿרמט פרייז 3 קאפ.

---

**אונזער וועלטעלע II בראשיורע וועלכע ענטהאלט:**

א) דער גרינער יום טוב פון ש. פרוג

ב) א שטיין פונם הערצען פון גאלדפאדען

ג) זמן מתן תורתנו פון בוקי־בן־יגלי

2 בויגען גרויססער פֿרמט פרייז 3 קאפ.

Рѣчь "Макса Нордау" на IV конгресѣ.
цѣна 2 к.

הקונים 200 עקזמפל. הפשים מתשלום דמי הפארטא.

שלומים לרוב ציון מאת הרב ר' ליב יאפו

פֿרמט גדול 140 עמודים מקחו 12 קאפ.

---

אדרעססע:

Ковно З. Вильку для Баркой.